STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01432

BLUMEN UN FUNKEN

Permanent preservation of this book was made possible
by Jenny Tango
in honor of
Judith & Elizabeth Exler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בלומען און פונקען.

„איך קען קיין ליעדער זינגען
איך קען נור פונקען שפריצען.“

ליעדער

צווייטער זאמעלבוך פון פערלאג „די וועלט“.

ЦВѢТЫ И ИСКРЫ, сборникъ стихотвореній

1906

Печатано въ Тип. „Вдова и бр. Роммъ" Вильна, Уголъ
Духовскаго и Глухого пер. собств. домъ № $^1/_2$.

Набрано въ Тип. Баскинда Вильна, Завальная ул. д. Троцкаго.

אינהאלט.

(מיט אַ שטערנדעל * זענען באַצייכענט די לידער, וועלכע ווערען געזונגען)

זײַטע

* דער אינטערנאַציאָנאַל 5
די שבועה 6

ערשטע העפט:

מ. ווינטשעווסקי.

דאָס ליעד פון'ם לוין=שקלאַף 11
די וועלט פאַר די רייכע 13
בלוט=טראָפּענס 14
ווער איז שולדיג? 15
מיין איינציגער פערלאַג 18

צווייטע העפט.

אַ. וואַלט (ליעסין).

צום קעמפּפער 23
אַ פריה=מאָרגען אין ניו=יאָרק 24
די שאָפּ=מיידעל 24
מאַרטירער=בלוט 25
צום נייעם יאָהר 28
זעהנזוכט 31
דער יונגער פערברעכער 32

דריטע העפט.

מאָריס ראָזענפעלד.

דער פּאָעט 39
וואוהין? 40
מיין רוהע=פּלאַץ 41
וואָס איז די וועלט 42
מאַי 43
די כלה פון די בערג 44
פערצווייפלונג 45
די נייע צייט 47
מיר זיינען פרייהייטס=סאָלדאַטען 48
די נאַטור צום אַרבייטער 49
אַ נבואה 51

פערטע העפט.

י. ל. פּרץ.

פון יחזקאל 55
דאָס געבעט 56
דריי נעהטערינס 57
ביי דעם פרעמדען חופּה=קלייד 58
די צוויי ברידער 59

פֿינפֿטע העפֿט

אַ. רייזען.

דאָס נייע ליעד . . . 65
מיין סחורה . . . 65
ערד און הימעל . . . 66
כּאַר געלד . . . 67
הערבסט־ניגון . . . 68
די אָרעמע יונגעלעך . . . 69

זעקסטע העפֿט.

סיגאַני, סאַרעריוועס, פּינסקי, נאַמבערג.

צום „בונד“ . . . 73
דאָס נייע וויעג־ליעד . . . 74
צום ערשטען מאַי . . . 75
* * * . . . 75
דער עגל הזהב . . . 76
* * * . . . 77

זיעבעטע העפֿט.

רויזענבלאַט, עדעלשטאַט, פּרוג.

נאַטור און מענש . . . 81
די פֿאָהן. . . . 82

אַכטע העפֿט:

ש. הורוויץ, ד. קאַסעל, י. אַלפּעראָוויטש.

די געהעטערקעס. . . . 87
זשאַמעלע. . . . 90
טורמע־מאָטיווען. . . . 91
איף אַ קבר. . . . 92
אויפ'ן קבר. . . . 93
אין תּפיסה. . . . 94
אין פֿאַבריק. . . . 95

נײַנטע העפֿט:

פּערשיעדענע.

דער שמיעד. . . . 99
מעדליך. . . . 100
דער וואולקאַן. . . . 301
אין שטורעם. . . . 102
ליעד פֿון קנעכטשאַפֿט. . . . 105
תּפילת־שחרית: . . . 106
צום שלאַכט. . . . 106
דער לעטישער אַרבייטער־מאַרש. . . . 107
דער ערשטער מאַי. . . . 108
געגען שונא. . . . 108
און דו אַקערסט און דו זייסט. . . . 110
די וועבער. . . . 110
אַרבייטער־ברידער. . . . 111
בלומען און שניי. . . . 112

*דער אינטערנאציאנאל.

שטעהט אויף, איהר אלע, וועלכע ווי שקלאפען,
אין הונגער לעבען מוז, אין נויט!
דער גייסט — ער קאכט, ער רופט צום וואפען,
אין שלאכט אונז פיהרען איז ער גרייט...
די וועלט פון גוואלדהייטען און ליידען
צושטערען וועלען מיר, און דאן
פון פרייהייט, גלייכהייט א גן־עדן
בעשאפען וועט דער ארבייטס־מאן.
דאס וועט זיין שוין דער לעצטער
און ענטשיידענער שטרייט;
מיט דעם אינטערנאציאנאל
שטעהט אויף, איהר ארבייטס־לייט!

ניין, קיינער וועט אונז ניט בעפרייען:
ניט גאט אליין און ניט קיין העלד —
מיט אונזער אייגענעם כלי־זין
א רעטונג ברענגען מיר דער וועלט.
די גרויסע שטורם־טעג זיי וועלען
נור פאר טיראנען שרעקליך זיין,
זיי קענען אבער ניט פערשטעלען
פון אונז די העלע זאנען־שיין.
דאס וועט זיין שוין דער לעצטער
און ענטשיידענער שטרייט;
מיט דעם אינטערנאציאנאל
שטעהט אויף, איהר ארבייטס־לייט!

דער ארבייטס־מאן וועט זיין ממשלה
פערשפרייטען אויף דער גאנצער ערד,
און פאראזיטען די מפלה

בעקומען וועלען פֿון זיין שווערד.
אַראָב דעם יאָך! געגוג געליטען,
געגוג פֿערגאָסען בלוט און שווייס!
צובלאָזט דעם פֿייער, לאָמיר שמידען,
כל זמן דאָס אייזען איז נאָך הייס!
דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער
און ענטשיידענער שטרייט;
מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
שטעהט אויף, איהר אַרבייטס-לייט!

איבערזעצט (מ-ל-ר-ין).

*די שבועה.

ברידער און שוועסטער פֿון אַרבייט און נויט,
אַלע, וואָס זענען צוזייט און צושפּרייט,—
צוזאַמען! צוזאַמען די פֿאָהנע איז גרייט.
זי פֿלאַטערט פֿון צאָרן, פֿון בלוט איז זי רויט!
צום שבועה! צום שבועה אויף לעבען און טויט!

הימעל און ערד וועט אונז הערען,
עדות — די ליכטיגע שטערען,
אַ שבועה פֿון בלוט און פֿון טרערען!
מיר שווערען! מיר שווערען!

מיר שווערען צו קעמפֿפֿען פֿאַר פֿרייהייט און רעכט
מיט אַלע טיראַנען און זייערע קנעכט,
מיר שווערען בעזיעגען די פֿינסטערע מאַכט
אָדער מיט העלדענמוטה פֿאַלען אין שלאַכט!

הימעל און ערד א. ז. וו.

מיר שווערען צו היטען אַ בלוטיגען האַס
צו מערדער און רויבער פֿון אַרבייטער-קלאַס,
. . . .

מיר שווערען ווי אַלע פערניכטען, פערוויסטען.

הימעל און ערד א. ז. וו.

מיר שווערען צו פיהרען דעם היילינגען שטרייט
ביז וואַנען די וועלט וועט ניט ווערען בעניים.
קיין קבצן, קיין נגיד, קיין הערר און קיין שקלאַף;
גלייך זאָלען ווערען ווער שטאַרק איז און שלאַף!

הימעל און ערד א. ז. וו.

מיר שווערען א טרייהייט אָהן גרענצען צום „בונד“.
נאָר ער קען די שקלאַפען בעפרייען אַצונד.
זיין פאָהנע די רויטע איז הויך און איז ברייט;
מיר שווערען איהם טרייהייט אויף לעבען און טויט!

הימעל און ערד וועט אונז הערען,
עדות — די ליכטינגע שטערען,
א שבועה פון בלוט און פון טרערען;
מיר שווערען! מיר שווערען!

מ. ווינטשעווסקי.

דאָס ליעד פונ'ם לוין-שקלאַף.

(מיט ליעבע געווידמעט דעם „בונד").

דער הימעל געהערט צום רבונו-של-עולם,
צום פריץ געהערט גאָר די ערד;
די גבורה ליגט היינט אין אַנ'אייזערנעם גולם, —
אַ כוח פון צעהנדליגע פערד.
די הייזער, די ברייזער, זיי זענען ניט מיינע,
דעם ים האָט פערנומען די קרוין,
און אַלצדינג פערמעגען די אידעלע, פיינע,
געהובעלטע הונדערט פאַרשוין.
מיין כוח, מיין מוח, מיין גוף, מיין נשמה
פערדינג איך, פערקויף איך דעם גביר.
איצט פרעגט איהר, אין וואָס-זשע בעשטעהט מיין
נחמה,
וואָס בלייבט, דאַכט זיך, איבער פאַר מיר?

(כאָר)

דער פרייער גייסט, דער פרישער מוטה,
די קאַמפף-לוסט בלייבט מיר איבער;
די קראַפט וואָס שאַפט, און קעמפט, און טהוט,
און שרעקט זיך ניט פאַר רוט און קנוט,
דער מוטה צום קריעג,
דער נאָהנטער זיעג,
די צוקונפט בלייבט מיר איבער!

—

די וויסענשאַפט ליגט ביי אַ טוץ פראָפעסאָרען,
די בילדונג — זי איז ניט מיין זאַך;
איך, אַרבייטער, ווער אָהן אַ לשון געבאָרען,

און שטארב מיר אוועק אהן א שפראך.
א ביסעלע „שול“ ווארפט מען צו מיר אלס צדקה,
איך נעהם עס און דאנק זיי דערפאר;
די רייכע, זיי האבען אויף אלץ א חזקה,
זיי שטאפען זיך — איך דאר און קוואר.
מיין קראפט, און מיין זאפט, און מיין לייב, און מיין לעבען —
דאס אלץ איז נור מיינס אויף פאפיער.
איך לעב ניט צו לעבען, איך לעב נור צו געבען,
אלץ גיב איך, און וואס בלייבט פאר מיר?
(כאר)
דער פרייער גייסט, דער פרישער מוטה,
די קאמפף-לוסט בלייבט מיר איבער;
די קראפט וואס שאפט, און קעמפפט, און טהוט
און שרעקט זיך ניט פאר רוט און קנוט,
דער מוטה צום קריעג,
דער נאהנטער זיעג,
די צוקונפט בלייבט מיר איבער!

—

פון ליטעראטור קריג איך קנאפ-וואס צו נאשען,
די קונסט איז דעם גביר'ס מאנאפאל;
די לופט אין די הייזער, דער ויין אין די פלאשען,
די סאמעט, די זיידענס, די וואל.
אין באנקען די שראנקען, אין זיי די מטבעות,
די אוצרות געהערען צו איהם.
איך צאהל אויביג מכס און זאג ניט קיין דעות,
צום קלאג נור בענוץ איך מיין שטים.
מיין קינד, מיין געזינד מוז זיך אפט פון מיר שיידען
צו דיענען דעם דאזיגען גביר;
מיר גיט מען אנאנווייזונג אויפ'ן גן-עדן,
דאך וואס בלייבט ביים לעבען פאר מיר?
(כאר)
דער פרייער גייסט, דער פרישער מוטה,
די קאמפף-לוסט בלייבט מיר איבער;
די קראפט וואס שאפט, און קעמפפט, און טהוט
און שרעקט זיך ניט פאר רוט און קנוט,
דער מוטה צום קריעג,

דער נאָהנטער זיעג,
די צוקונפט בלייבט מיר איבער!

—

דער הימעל געהערט צום רבונו־של־עולם
צום פריץ געהערט גאָר די לאַנד;
די קצינים פערמעגען דעם אייזערנעם גולם,
איך דיען דער מאַשין — בין איהר האַנד.
די רעדער מיט לעדערנע רימענס און פאַסען,
געשניטען כמעט פון מיין הויט,
בעשאַפען אַנאייגענס פון מילי־מיליאָסען
אין הייזער וואָס איך האָב געבויט;
אין ריעזען־פאַבריקען, וואָס יענע פערמעגען,
געווינענדיג וואָס איך פערליר.
און דאָך איז מיין ענטפער, ווען איהר וועט מיך פרע־
גען,
אַ שטייגער: וואָס בלייבט דאָ פאַר מיר?
(כאָר)
דער פרייער גייסט, דער פרישער מוטה,
די קאַמפף־לוסט בלייבט מיר איבער;
די קראַפט וואָס שאַפט, און קעמפפט, און טהוט,
און שרעקט זיך ניט פאַר רוט און קנוט,
דער מוטה צום קריעג,
דער נאָהנטער זיעג,
די צוקונפט בלייבט מיר איבער!

ניו־יאָרק, יאַנואַר 1906.

די וועלט פאַר די רייכע.*

זיי בעטראַכטען די וועלט ווי אַ מאַרק,
און די אָרימע מענשען ווי וואַארען,
און זיי זיצען ביים פאָלק אויפ׳ן קאַרק,
פון דער הויך צו בעטריעגען די נאַרען.

זיי בעטראַכטען די וועלט ווי אַ טייך,
וואו דאָס פאָלק איז די פיש, וואָס זיי פאַנגען,
און זיי ווערען פון פאַנג ניט נור רייך,

דער פיש מוז נאָך דעם נעץ זיין דערלאַנגען.

זיי בעטראַכטען די וועלט ווי אַ וואַלד,
וואו זיי יאָגען די מענשען ווי האָזען,
און זיי האַלטען פאַר רעכט די געוואַלד,
פאַר אַן׳אונרעכט — זיך שינדען ניט לאָזען.

און דער אָרימער געהט אויפ׳ן מאַרק,
און ער לאָזט זיך אין נעץ פון זיי פאַנגען,
און ער מערקט אויפ׳ן יאַגד ניט ווי שטאַרק
ער אַליין איז אַ קלאַפּ צו דערלאַנגען.

און אַזוי גיט ער איבער די וועלט
צו די הענדלער, די פאַנגער, די יעגער,
וועלכע האָבען נור דאַן ווען איהם פעהלט,—
איהם, דעם מאַכער, דעם טהוער, דעם טרעגער.

1892

בלוטס-טראָפּענס.

ווען אַל די טראָפּענס בלוט, וואָס פליסען
פון יעדער פראָלעטאַריער-וואונד,
וואָלט ווער עס איז צוזאַמעניסען,
דאַן וואָלט מען קלערער זעהן און וויסען
דעם גרונד פון זיי, דעם בייזען גרונד.

עס וואָלטען ווערען רויטע טייכען
און יעדער וואָלט אין זיי ערבליקט
אַ שטראָם, וואָס פליסט פון זיינעם גלייכען,
און מאַכט אַ בלוט-באַד פאַר׳ן רייכען,
און פאַרבט דעם וויין וואָס איהם ערקוויקט.

עס וואָלט-דער אַרבייטער בעגריפען,
צו ער אַליין מיט זיינע הענד,

האָט פֿאַר דעם בלוטצאַפּער געשליפֿען
אַ שװערד, װאָס מאַכט זײַן בלוט זאָל טריפֿען,
זאָל טריפֿען, טריפֿען אָהן אַן עֶנד.

דאָך אַל' די טראָפּענס בלוט זײ פֿליסען
בעזונדער טיעף אַרײַן אין דר'ערד;
זײ לאָזט מען זיך פֿאַנאַנדערגיסען
און נור די ערד אַלײן קען װיסען,
װאָס פֿון די טראָפּענס אַלע װערט.

װער איז שולדיג?

(פֿרײַ נאָך װיקטאָר הוגאָ'ס געדיכט: A qui la faute. געשריבען אין דער צײַט פֿון דער פּאַריזער קאָמונע, װען די קאָמונאַרען זענען בע-שולדיגט געװאָרען אין דער שׂרפֿה פֿון דער נאַ-ציאָנאַל-ביבליאָטעק. דאָס איז אַ נײַע בעאַרבײַ-טונג צוערשט ערשיענען אין דעם לאָנדאָנער „אַרבײַטער-פֿרײַנד" אין דעם יאָהר 1891).

דער דיכטער:

זאָג, אַרבײַטער, ביזטו משוגע? פֿערברענען
די ביבליאָטעק? זאָג, װי קענסטו דאָס קענען?
דו, מענש װילדער, רעד!

דער אַרבײַטער:

— יע, איך האָב איהם פֿערברענט
דעם בילערשאַץ אײערען מיט מײַנע הענד.

דער דיכטער:

אָה, שױדערהאַפֿט! דאָס איז אַזאַ מין פֿערברעכען
װאָס האָט ניט קײַן נאָמען! באַרבאַר דו, בערעכען!
אַלײן לעשטו אויס פֿון דײַן זעעלע דאָס ליכט,
דעם זונען-שײַן, װעלכער בעלײַכט דײַן געזיכט;
דײַן צאָרן, װאָס װײס ניט פֿון חרפּה און בושה,
פֿערװיסטעט אַן אוצר, װאָס איז דײַן ירושה!

דו נאַר דו! בעגרײַפֿסטו דען ניט, אַז דאָס בוך,

ברענגט ברכות פאַר דיר, פאַר דיין מייסטער אַ פלוך,
ווייל עהרליכע פראַצע פערעהרט עס, פערטהיידיגט
און געגען דיין בלוטזויגער רעדט עס און פרעדיגט.
און דו וואַרפסט אַריין מיט דיין אייגענער האַנד
אין דיין שאַץ פון בילדונג אַ העלישען בראַנד?
אין ווערקע, וואָס זענען צייט הונדערטער יאָהרען
פון גייסטרייכע מענער געשאַפען געוואָרען,
פון מענשענפריינד, אומעדום, יעדען בעקאַנטע,
ווי שעקספיר, למשל, ווי מילטאָן, ווי דאַנטע,
און דענקער אָהן צאָהל פון פלאַטאָן ביז וואָלטער,
און שרייבער פון אַריסטאָפאַן ביז מאָליער,
וואָס האָבען דורך דורות פיעל הערצער ערהייטערט,
די זיטען גערייניגט, די מוחות געלייטערט,
און אַנדערע ווידער, וואָס האָבען דערוואוסט,
דערפאָרשט די נאַטור, אויך די מענשליכע ברוסט,
אונשטערבליך איז זייער מליצה און פראָזאַ:
דאָ געטהע, דאָ ניוטאָן, דאָ ברוך שפינאָזאַ,
און אין דיזע ווערק, אין די הייליגע פרוכט
פון זיי, וועלכע האָבען דעם אמת געזוכט,
געפונען און דיר אין די ביכער געלאָזען,
האסט דו איצט אַ פייער פאַנאַנדערגעבלאָזען?

באַרבאַר! דיזע שׂרפה, וואָס פלאַקערט און ברענט
און בושעוועט צווישען פיער מעכטיגע וועגד,
ערמאָרדעט דעם גייסט, וואָס דאַרף זיין ביי דיר טייער,
פערניכטעט דיין אייגענעם גרויסען בעפרייער!
בעקלערסטו דען ניט, אַז די אויפקלערונג האָט
פון אייביג אָן געגען דעם קריעג, דעם שאַפאָט
געקעמפפט, געגען דלות און פאָלקס=לייד געשטריטען,
בעת זיי, דיינע אויפקלערער, האָבען געליטען
אַליין נויט, און האָבען אין תפיסה געשמאַכט,
בעקעמפפענדיג אַשמדיי'ס פינסטערע מאַכט,
און אָפטמאָל זיך אָפפערנדיג אויף די תליות
אָנשטאָט אויף זיין בימה צו האָבען עליות, —
אַליין — דו זאָלסט ניט בלייבען פער'חושכ'ט און ווילד
דער מענש זאָל זיין מענשליכער, זיטליך און מילד?
געהם, עפען אַ בוך, לעז די גרויסע פאָעטען

די זייביגע לעהרער, די וואהרע פראָפּעטען
און זעה, ווי דער גייסט פון זיי שפּיגעלט זיך אָב
אין דיינע געדאַנקען, דיין מוֹח, דיין קאָפּ;
ווי זייערע הערליכע, ליכטיגע שטראַהלען
בעלייכטען דיין לעבען, אויף וועלכען זיי פאַלען!

דאָס בוך, דו פערברעכער, דאָס בוך ברענגט דיין
רעכט,
בעפרייט פון די קייטען פון קנעכטשאַפט דעם קנעכט,
בעפרייט איהם פון אַלערליי העסליכע פלעקען
און גיט איהם איין האַרץ, אַז ער זאָל זיך ניט שרעקען
פאַר פירשטען—רעספּאָטען, וואָס טראָגען אַ קרוין,
און זייערע כלאָפּעס, וואָס מאָרדען פאַר לוין.
דאָס בוך מאַכט צום מענשען דיך, מאַכענדיג דרייסטער
צו ראַנגלען זיך מיט אונטערדריקענדע מייסטער,
וואָס האַלטען אין צוויק דיך, אין צוויק און אין יאָך
מיט פּיאַווקעס פון גיהינם וואָס שרייען: נאָך! נאָך!
עס עפענט אויף דיינע פערשלאָפענע אויגען,
כדי דו זאָלסט זעהען ווי די בלוט דיינע זויגען
די זעלביגע, וועלכע פערגיסען דיין בלוט,
קוים וואַגסטו צו שטעלען זיך געגען דעם קנוט.
דאָס טהוט אויף דאָס בוך, וועלכעס ברענגט דיר דאָס
וויסען,
און וועקט די געפיהלען ביי דיר, דאָס געוויסען,
און פריי ווערט דער מענש, פריי ווערסטו, ווערען מיר!
דאָס אַלץ מאַכט דאָס בוך און דאָס בוך געהערט דיר!!

און דיזען יאָהרהונדערטע-אַלטען בעפרייער,
די ערבשאַפט פון דורות פערשרפעט דיין פייער?
דו הרג'עסט אַליין צו דיין איינציגען פריינד,
דיין שיצער און שטיצער פון נעכטען און היינט?
דו ברענסט דאָס, וואָס אימער איז טריי דיר געוועזען?
וואָס שוויינסטו? נו, ענטפער דאָך!

דער אַרבייטער:

— איך... קען ניט לעזען.

מיין איינציגער פערלאנג.

(צו יעקב גארדין).

מיין טאָג שטאַרבט אָב, מיין זון געהט אונטער,
דער אָבענד קומט און האַלט זיך אויף ניט לאַנג;
די נאַכט — איהר וואָלט איך טרעפען מונטער,
איהר טרעפען גייסטיג אַ געזונטער,
לאָז מיר דער טאָג נור געבען איין פערלאַנג:
אַ שעהנעם, קלאָרען זונען־אונטערגאַנג.

אַ זונען־אונטערגאַנג מיט פאַרבען
אי העל אַי רויט: פון פלאַמען און פון בלוט;
אַן אונטערגאַנג וואָס לעבט אין שטאַרבען,
קען טויטען, אָבער ניט פערדאַרבען,
און נעהמט אַייך, און איהר געהט אַוועג, און רוהט,
און קומט צוריק מיט פרישע בלוט און גלוט.

מיט בלוט די מענשהייט צו בענייען,
די אַלטע מענשהייט דורך אַ נייעם דור;
מיט גלוט, צו שמידען די כלי־זין,
עם גייסט, דעם ווילען צו בעפרייען,
און מיר אין טרוים צו וויזען די וועלט קלאָר,
וואָס יענער דור וועט האָבען אויפ'ן וואָהר.

אַ וועלט בעזעצט מיט פריינד און ברידער,
מיט מענשענליבע פאַר איהר פונדאַמענט;
אַ גוף, וואו פעלקער זענען גלידער,
קיין גליעד דעם צווייטען ניט צו־ווידער,
וואו גלייכהייט האַלט צוזאַמען פרייהייט'ס הענט,
מיט ליעבע אַלס איהר איינציגען צעמענט.

* * *

אָה, דאַן וואָלט איך געבליבען מונטער,
מיר וואָלט ניט פאַר דעם טויטען טאָג זיין באַנג;
אַ גייסטיג־פרישער, אַ געזונטער
וואָלט איך אַרויפגעהן, ניט אַרונטער, —

וואָלט איך נור קענען האָבען דעם פערלאַנג:
אַ שעהנעם, העלען זונען-אונטערגאַנג.

אַ זונען-אונטערגאַנג אַ קלאָרען,
אַ שטערען-רייכען אָבענד אין זיין פראַכט;
מיט פייגעלעך וואָס פּיפּצענען אין כאָרען,
בעגריסענדיג דעם טאָג וואָס ווערט געבאָרען,
בעזינגענדיג די מענשהייט וואָס ערוואַכט,
און דאַן — דו, ליעבע, זיסע וועלט, גוט נאַכט!

9 אויגוסט, 1906

א. וואַלט וויטמאַן.

צום קעמפפער.

עס ליארעמט און שטורעמט, עס יאמערט און שרייט
עס שפארט זיך דער שונא פון יעטווידער זייט,
און ס'פלאקערט דער בלוטיגער גרויזאמער שטרייט
ארום אין דער לענג און דער ברייט.

און ס'דריקט אונגעהויער די אומרעכט און שלעכטס,
און עס טראגט זיך אין לופטען אנ'ענדלאזער קרעכץ,
און ס'קלייבען זיך קרעפטען פון לינקס און פון רעכטס—
געשווינד, אך, מיין פריינד, זיי געגרייט!

דו גיב מיר דיין טרייע דיין מעכטיגע האנד,
און פעסט אין די רייהען געשלאסען בייננאנד
מיר וועלען זיך שטעלען, אזוי ווי א וואנד,
און קעמפפען אויף לעבען און טויט!

—

און טאמער, מיין פריינד, וועסטו גליקליך ארויס
פון בייזען, פון העלישען שטרייט,
דאן בין איך דיר ווענינ מקנא — איך וויים:
עס וועט ניט פערביינעהן פיעל צייט,

און ווידער צום שטרייט וועט זיך רייסען דיין הערץ
און שטאלץ דיינע פפליכטען דיר צייגען;
אך, לעבען אין אנגסטען אועלכע און שמערץ—
נור שטיינער, די קענען דא שווייגען!

—

און טאמער, מיין פריינד, וועסטו פאלען, און ס'וועט
די ערד מיט דיין בלוט זיך בעפלעקען,
דאן וועלען די בלוטען איהר אנטרינקען פעט
און הערליך מיט בלומען פערדעקען,

עס וועלען דארט בליהען די העהרליכסטע בלומען
און גוטע און עהרליכע מענשען,
זיי וועלען דערהערען דעם ריח, און קומען,
און לויבען דיין נאמען און בענשען.

א פריהמארגען אין ניו־יארק.

אויף דעם וויסטען בלאסען הימעל
כאפט זיך אויף דער קראנקער מארגען,
און די גרויסע שטאדט ערוואכט זיך
אין דעם נעבעל־גרוי פערבארגען.

איינגעהילט אין גרויען נעבעל
ריהרט זיך אויף דער לעבענס־תהום
און צוגיסט זיך אין די גאסען
אין א כמורנעם מענשען־שטראם.

כמורנע גיסט און גיסט מיט מענשען,
פוילע, געלע, ווי דער מארגען,
פון די טענ'מענטס* צו די שעפער**
אין דעם נעבעל גרוי פערבארגען,

גלייך אזוי, וואהרשיינליך, געהען
אויף די מתים, פוילע, געלע,
נאך דעם חבוט פון דעם קבר,
היילענדיג זיך צו די העלע.

די שאפ־מיידעל.

(פאלקס־מאטיווען)

אך, קאלט, און בלאס און וויסט
מיין יוגענד געהט אוועק —

*) טענעמענט — הויז. **) שאפ — האנדווערקעריי.

אָהן שטערען מיר די נעכט,
אָהן זונען מיר די טעג.

אַך, ווי אַ פֿייגעלע,
פֿערוואָרפֿען פֿון איהר נעסט,
פֿערלאָרען אין דער פֿרעמד,
פֿערשפּארט אין שטייגעל פֿעסט.

אַך, ווי אַ בלעטעלע,
ענטריסען פֿון איהר בוים,
פֿון בייזען אָסיען ווינד,
פֿערוואָגעלט פֿון דער היים;

אָהן פֿרעהליכקייט און גליק,
אָהן וואַרימקייט און ליכט,
אָהן קיין שום נאָהנטען
און צערטליכען געזיכט.

אַך, עלענד, קאַלט און וויסט,
דאָס לעבען שלעפּט זיך פֿויל,
אָהן ליעבע און אָהן לוסט,
פֿול אומעט און פֿול גרויל.

דורך מאַטערניס און שוויים,
דורך צרות און דורך פּיין,
און ביז אין גראָהען צאָפּ
און ביז אין גרוב אַריין.

מאַרטירער־בלוט.

און ווען ער האָט די וועלט בעקלערט,
ווי פֿאַלש זי איז און שלעכט,
ווי אַלעס איז קאַפּויר פֿערקעהרט
און פֿינסטער און פֿערקנעכט,—
און ווען ער האָט די וועלט בעקלערט,

דאַן האָט עס אונגעזאַמט
זיין רוה געראויבט, זיין פריעד געשטערט,
זיין יוגענד איהם פערסמ'ט,
און ס'האָט געדריקט איהם לאַנג און שווער,
און ס'האָט פון איהם אַ מאָל
אַרויסגעריסען היים אַ טרעהר,
אַ ריינע, ווי קריסטאָל.

און ווען ער האָט די שלעכטס דערקענט
איהר הערשאַפט אָהן אַ שיעור,
דאַן האָט איהם צאָרניג אויפגעברענט,
דאַן שטרייט ער געגען איהר.
ער שטרייט מיט גייסט און העלדענמוטה,
דורך ליידען און דורך שמערץ,
און ביז דעם לעצטען טראָפען בלוט,
און ביז דעם לעצטען קרעכץ.
עס הילכט דער קרעכץ, עס פאַלט דער העלד,
געענדיגט איז דער שטרייט,
און עלענד גיסט זיין בלוט אין פעלד,
פערוואַלגערט, אָן אַ זייט.

אַך, עלענד גיסט זיין בלוט און גיסט,
און ווייקט דעם וויסטען זאַמד;
זיין שווערד דאַביי ער בליצט אומזיסט
געוואָרפען אויס דער האַנד.
און ס'לאָזען זיך די הינד אַרויף,
מיט אימפעט און מיט וואוטה,
אויף דעם מאַרטירערס טויטען גוף,
אויף דעם מאַרטירערס בלוט.
און ס'טראָגט פאַנאַנדער ברייט און גרויס
דער בילען, דער געשריי,
משונה ווילד, משונה ביז
און שוידערליך אַזוי.
עס הערט דאָס גאַנצע לאַנד אַרום,
און ס'נעהט איהר דורך אַ גרויל,
און בלייבט דערשראָקען, דול און שטום,
פערשטיקט אין דר'ערד דעם מויל.

און ס'דריקט ווי פריהער שווער דער יאָך,
און ס'מאַטערט זיך און קוועלט,
און ענגער נאָך און ערגער נאָך
דאָס לעבען אויף דער וועלט.
און ס'געהט אַוועק אַ לאַנגע צייט,
און מיסט פערשיט דעם פעלד,
וואו ס'האָט געפלאַקערט היים דער שטרייט,
געפאַלען איז דער העלד.
און ס'געהט אַוועק אַ לאַנגע צייט,
און ראָסט עסט אויף דעם שווערד;
און ס'דולט זיך, עס בלייבט ניט מעהר פון שטרייט
אַ זכר אויף דער וועלט.

* * *

נור ניין, אַך, עס קען ניט, עס געהט ניט פערלאָרען
דער הייליגער טראָפען מאַרטירערשע בלוט,
וואָס איז אַזוי נאָבעל געאָפפערט געוואָרען
פאַר וואהרהייט און רעכט, אין די בליהענדע יאָהרען,
מיט ליעבע און פייער און העלדישען מוטה.
ער געהט ניט פערפאַלען, ער געהט ניט פערלאָרען,
עס האָט איהם די גאַנצע נאַטור ווי געשוואָרען,
דער זומער, דער רעגען, דער ווינד און דער שטראַהל,
זיי זאָלען אין אַלערליי צייטען איהם היטען,
איהם זאָל ניט פערטריקענען, פערשווענקען, פערשיטען,
איהם זאָל ניט פערשלינגען די ערד איבעראַל.

עס בייט נאָכאַנאַנד די נאַטור זיך און בייט,
עס שטאַרבט און פערשווינדט אַליץ פון לינקס און פון רעכטס;
ער איינער נור לעבט אַליץ, און שוואַך איז די צייט,
און שוואַך איז אויף איהם אויף די בייזהייט און שלעכטס
און ליעבליך און גלענצענד, און פערעלדיג ריין
און הייס, ווי די ברענענדע יוגענד אַליין,
און פריש, ווי די ערשטע אונשולדיגע טרעהר,
דורך רעגען און שטורם, דורך הרמות און גזירות,
דורך קייטען מיט צרות, דורך ציילען מיט דורות,
ער שלינגעלט און ציהט זיך און ציהט ביז אַהער.

* * *

עס הערשט א טיעפע נאכט ארום,
עס לייכט נור גאז און גאלד;
זיי לייכטען פאלש, זיי לייכטען דום;
זיי לייכטען פאר געצאהלט.

עס ליגט דער טראפּען אויף דער ערד,
אין שאטען איבעראל,
עס ווייס איהם קיינער ניט די ווערטה,
עס פאלט אויף איהם קיין שטראהל.

דאך, ווען די זון וועט אויפגעהען העל
אריבער אונזער לאנד,
דאן ווערט פון דיזען טראפּען שנעל
א ליכטיגער ברילאנט.

וואו שעהן, אלפארבּיג, צויבערהאפט
דער רעגען־בויגען בליצט,
און ס'ווערט מיט זונען־שטראהלען־קראפט
ארום די וועלט בעשפּריצט.

און מענשען וועלען דענסטמאל געהן
זיך ווארמען פאר זיין ליכט,
וואס איז פון בלוטען לויטער ריין
און הייליג צוגעריכט.

און מענשען וועלען דענסטמאל געהן,
און טראגען איהם א לויב,
און קניענדיג פאר איהם דארט שטעהן
און קוסען זיינע שטויב.

צום נייעם יאהר.

אויב די נאכט איז ארום
אזוי פינסטער און שטום,

אַזוי ווִיסט, אַזוי נאַס, אַזוי קאַלט,
און די פֿרעהליכע וועלט,
אין דעם וואָלקען פערשטעלט,
קוקט אַרויס אַזוי מִיאוּס און אַלט,
און עס פוילען די בלאָטיגע הימלען פון אויבען,
און עס פוילט אויך פון אונטען דאָס לעבען;
און עס שטיקט זיך דער מענש און ער קען מעהר ניט גלויבען
און ער קען מֶעהר ניט האָפען און שטרעבען.
און עס הוֹכט זיך די טויטע, די פינסטערע נאַכט,
אַז זי וועט גאָר ניט נעהמען אַ סוֹף,
און די ערד וועט שוין קיין מאָל ניט ווערען ערוואַכט
פון איהר האַרטען, איהר אַייזערנעם שלאָף,
און עס האָט ניט אַ מאָרגען דער ביטערער היינט,—
אַך, ניט גלויב עס, ניט גלויב עס, מיין פריינד!

II.

און עס הערשט איבעראַל אַלץ די בייזהייט און וואוטה;
און עס טרינקט זיך די מענשהייט אין שוייס און אין בלוט;
אַך, מיין פריינד, ניט פערליער נור דיין מוטה!
אַך, מיין פריינד, וואו דו ביזט נור פערשלעפט און פערטריבען!
אין מלחמה פאַר פרייהייט און רעכט אויף דער וועלט,
צו דו ביסט נאָך אַ גאַנצער אין רייהע פערבליבען,
יעדע ווײַלע דיין קאָפּ צום געפאַהר אויסגעשטעלט,
און דו קעמפפסט און דו קעמפפסט אין יסורים און פּלאָג,
מיט אַ ברענענדען וואָרט, מיט אַ פלאַמענדען שווערד,
אָדער ליגסטו פערשליידערט אין פוילען אָסטראָג,
און דו שטיקסט זיך און שטיקסט זיך אָהן אויפהער, אָהן שיעור.
אָדער קלאַפּסט מיט דעם האַמער פערגראָבען אין דרערד,
אין די קאַטאָרזשנע טיעפּניס פון קאַלטען סיביר,
און עס שווישצעט דער ווילדער, טיראַנישער קנוט
איבער דיר נאָכאַנאַנד אויפגעהויבען —
אַך, מיין פריינד, וואו דו ביסט, ניט פערליער נאָר דיין מוטה
דיין אונענדליכען, מעכטיגען גלויבען!

III.

עס וועט קומען אַ צייט, און די צייט איז ניט ווייט,
און פון מערב, פון מזרח, פון יעטווידער זייט,

אריבער דער עלענדער וועלט,
וועט ערהויבען זיך מעכטיג א ווארעמער ווינד,
און עס וועלען די כמארעס פערשווינדען געשווינד
פון בלייערנעם הימעל-געצעלט.
און עס וועט אויפשטעהן דער טאג, יענער זעלטענער טאג,
אך, צו וועלכע מיר האבען אין צרות און פלאג
געווענדט זיך אין היילינען גלויבען.
און ס'וועט אויפשטעהן דער טאג, און די זון וועט ארויס
דורך אין גלאנץ און אין שטראהלען, און פרעהליך און הייס,
שטאלצירענד און פראכטפאל פון אויבען,
און עס וועלען די אייזערנע קייטען צולאזען
אנטגעגען דעם ברענענדען שיין,
און עס וועלען די רשעות ווי כמארעס צובלאזען
אין תהום פון געשיכטע אריין.
און דער מענשליכער זוהן וועט ארויסגעהן בעפרייט
פון ביטערען מאנגעל און פינסטערען שטרייט,
און דערפיהלען אין ויסטען, פערפייניגטען ברוסט
גאנצע אוצרות מיט לעבען און ליעבע און לוסט,
און ער וועט ניט דערקענען זיין פריהערדיגע וועלט,
וואו ער האט זיך אזוי פיעל געשטיקט און געקוועלט.
און ערווארעמט, ערמונטערט, ענטציקט און בעהארצט
וועט ער צופאלען הייס צו דער מוטער, דער ערד,
וועלכע וועט איהם שוין ווייטער ניט אויסווייזען בייז,
וועלכע וועט שוין ניט ווערען פערשמוצט און פערשווארצט
מיט די שטראמען פון טרערען און בלוטען און שווייס
און אויף וועלכע עס וועט שוין ניט קלינגען דער שווערד.

IV.

עס וועט קומען די צייט, יענע גאלדענע צייט,
אך, דו גלויב זשע, מיין פריינד, אז די איז שוין ניט וויים,
און די אלע וואס האבען געהאפט און געשמאכט,
און די אלע וואס האבען געוועקט און געוואכט,
און די אלע וואס האבען אין שרעקליכער נאכט
ניט געלאזען דעם לייכטענדען פאקעל פון האנד,
און געליטען, געשטריטען, געשיינט נאכאנאנד,
וועלען פייערען צוזאמען דעם יום טוב, דעם גרויסען,
יענעם יום טוב פון אלע געפייניגטע מאסען

און געפּייניגטע פֿעלקער, געפּייניגטע ראַסען,
וואו עס וועט שוין קיין איינער ניט ווערען פֿערשטויסען,
און אויף וועלכען דער מענש וועט ניט טהיילען זיך מעהר
אויף געדריקטע און דריקער, אויף קנעכט און אויף הערר.

זעהנזוכט.

עס געהט די מיטען=נאַכט אין ווייסען אָנגעקליידעט
אַריבער פֿעלד און וואַלד, אַריבער באַרג און טהאָל—
אין ווייסען אָנגעקליידט, אויף זיידענס אויפגעשפּרייט,
און גיסט מיט שטילען שיין און טרוימען אָהן אַ צאָהל.
און ס'שווימט אַרוים פֿאַר מיר, אַזוי ווי איינגעהילט
אַ חלום אָהן אַ סוף, פֿאַנטאַסטיש, בלוי און מילד,
פֿון טיעפֿען הימעלרוים מיט שטערען דורכגעוועבט
און ביז דער ווייסער ערד אין שטראַהלען איינגעהילט.
עס שלאָפֿט די גאַנצע וועלט פֿערגאָסען דורך אַרום
אין מילדען שטילען שיין, בעצויבערט און ענטציקט;
עס שלאָפֿט די גרויסע שטאָדט, די גאַסען שווייגען שטום;
עס שלאָפֿט דער מידער מענש אין חלום איינגעוויגט.

איך געה, און שווים און שווים, אין ווייסען שטראַהלען=ים,
און ס'לויפֿט פֿון מיר דער שלאָף, און שטאַרק אין ברענענד גלוטה
עס ריהרט זיך אויף אין מיר אַ לאַנג פֿערשטיקטער פֿלאַם
און בריהט מיר הייס דעם מאַרך און בריהט מיר הייס דעם בלוט.
עס וואַכען אויף אין מיר, פֿערלאַנגען אַלערליי:
פֿון לעבען און פֿון גליק, פֿון ליעבע און פֿון שמערץ,
חלומות פֿון אַמאָל פֿול ליידענשאַפֿט און וועה,
זיי פֿלאַמען אויף צוריק אין חורבן פֿון מיין הערץ.
און ס'שווימט אַרוים פֿון מיר, אַזוי ווי איינגעהילט
אין שטילקייט פֿון דער נאַכט, דורך היים=וועה אָהן אַ שיעור,
אַ צערטליכע געשטאַלט, אַ פֿיעל געליעבטעס בילד. —
מיין ווייטער, ווייטער פֿריינד, אַך קום, אַך קום צו מיר!

אַך קום, אַך קום צו מיר אין שטילקייט פֿון דער נאַכט,
פֿון דיזער צויבערנאַכט — אַך קום, אַך קום צו מיר!

און זאָל מײַן הערץ פאַר דיר דאָ ווערען אויפגעמאַכט,
איך וועל דערצעהלען דיר מײַן בענגשאַפט אָהן אַ שיעור,
ווי קאַלט איז אין דער פרעמד, ווי שלעכט עס איז און שווער;
איך שעם זיך ניט פאַר דיר, דו וועסט פערשטעהן, איך וויים,
און זאָל זיך גיסען פריי פאַר דיר מײַן שטילע טרעהר,
און זאָל צוגעהן מײַן הערץ אין דײַנע אָרעמס היים!
עס ענטפערט קיינער אָב. עס שווײַגט די גאַנצע וועלט
פערגליווערט און פערשטאַרט אין בלאַסער, טויטער פראַכט;
אין בלויען נעבעל שווײַגט די לבנה מאַט, פערשטעלט.
עס ענטפערט קיינער אָב. עס שווײַגט די שטומע נאַכט!

דער יונגער פערברעכער.

דער קרעפּאַסט — ער הויבט זיך אַ ריזע, אַ טיטאַן,
אויפ'ן דונקעלען צפון דעם קאַלטען,
אין שנייענדען מדבר אין גרויען טומאַן,
אין אייביגע וועלדער בעהאַלטען.

אַ שרעקליכער ווינקעל! דאָ איז די נאַטור
אין גאַנצען כמעט אָבגעשטאָרבען,
פון שטעדט און קולטור איז ניטאָ דאָ קיין שפור
דער מענש איז דאָ גראָב און פערדאָרבען.

דאָ איז נייען מאָנאַטען די ערד אײַנגעפרעסט
אין ים'ען אונענדליכע שנייען,
דאָ טרעשטשעט די לופט אונטער פערציג גראַד פרעסט
אין העלדישע ווילדע זאַווייען.

דער טורם — ער שטײַגט אין די הימלען אַזש גרויס
דורך פינסטערע וואָלקען, און העכער,
און טיעף אין איהם איז ווי אַ לעבעדיג מת
בעגראָבען אַ יונגער פערברעכער.

דער יונגער פערברעכער — מען האָט איהם אַהער
פערשטויסען פון וואַרעמע קאַנטען,

גע̣קלע̣מט און גע̣גאָלט און גע̣שמידט ז̣ע̣הר שווע̣ר
אין ווילדע̣ן ע̣טאַפּ אַרע̣סטאַנטע̣ן.

מע̣ן האָט איהם אַזוי ביז אַהע̣ר אַוש גע̣שלע̣פּט,
פיעל טויזע̣נדע̣ר מײַלע̣ן גע̣טריבע̣ן
פון דאָרטע̣ן, וואו אַלע̣ס ע̣ס בליהט און ע̣ס לע̣בט,
און מע̣נשע̣ן — זיי פיהלע̣ן און ליעבע̣ן.

אַ זע̣לטע̣נע̣ר אינגע̣ל, איהם האָט זיך גע̣דוכט
נאָר נע̣בע̣ך משוגעדיגע̣ זאַכע̣ן,
ע̣ר האָט פאַר דע̣ר וועלט ע̣פּע̣ס מיטלע̣ן גע̣זוכט,
ניט אַנדע̣רש איהר גליקליך צו מאַכע̣ן.

נאָר אָט-וואָס, נאָך אײדע̣ר ע̣ס האָט איהם בע̣גליקט
אָט טאַקי די וועלט צו פע̣רזאָרגע̣ן:
גאָר האָט מע̣ן, פע̣רשטע̣הט זיך, איהם פּלוצלונג פע̣רשיקט
אין אײנע̣ם אַ שלע̣כטע̣ן פריהמאָרגע̣ן.

מע̣ן האָט איהם פע̣רשיקט אַוש אין סאַמע̣ ע̣ק-וועלט,
אין שרע̣קליכע̣ן צפון דע̣ם קאַלטע̣ן,
און ע̣רגע̣ץ גע̣היים אויף אַ קייט דאָ גע̣שטע̣לט,
אין פינסטע̣רע̣ן טורם בע̣האַלטע̣ן.

ע̣ר שטע̣הט אויפ'ן קייט, ווי אַ משוגע'נע̣ר הונד,
און יאָהרע̣ן, די בליהע̣נדע̣ יאָהרע̣ן,
זיי קריכע̣ן אונע̣נדליך; ע̣ר איז שוין אַצונד
גאָר גראָה און פע̣רע̣לטע̣רט גע̣וואָרע̣ן...

און בלייך גע̣הט פאָריבע̣ר דע̣ר קרײנקליכע̣ר טאָג,
ע̣ס דונקלע̣ן די בלײַע̣נע̣ הימלע̣ן.
אַ כמאַרע̣, אַ טומנע̣ פע̣רציהט דע̣ם אַסטראָג,
און אַלע̣ס פע̣רזינקט דאָרט אין דרע̣מלע̣ן.

ע̣רהויבע̣ן און גרויזאַם אין שנײַע̣נדע̣ן פע̣לד
פע̣רדרע̣מע̣לט דע̣ר פינסטע̣רע̣ר טורם,
ע̣ר דרע̣מע̣לט זיך שטאָלץ דע̣ר פע̣רצויבע̣רטע̣ר הע̣לד,
און לאַכט פון דע̣ם ווינד און דע̣ם שטורם.

דער שטורם—ער יאגט זיך, דער שטורם—ער טראגט
א העליש א גרויס זאווארוכע,
ער סווישטשעט, און קרעכצעט, און יאמערט, און קלאגט
און פיהרט אוש אריבער א סקרוכע.

עס שוידערט, עס פילדערט דער אלט-בייזער וואלד,
ער צארענט, מען לאזט איהם ניט שלאפען,
עס האט זיך צוהוליעט מיט ווילדען געוואלד
דער גרויזאמער גיהגים פון צפון.

די לבנה, א רגע געדט אויף און פערגעהט,
ווי ווער וואלט אויף איהר אנגעשריען;
די ערד און די הימלען, זיי שפרינגען פון הויט,
די וואלקענס ערשראקענע פליהען.

יע, פליהען שנעל-האסטיג און קוועטשען זיך אויף
אין זעלטענע פארמען און בילדער,
אזוי ווי עס וואלט אויף זיך קלייבען א גוף
א שרעקליכער רוח א ווילדער.

דער שטורם—ער רייסט זיך, דער שטורם—ער קלאגט
און קייקעלט זיך בייז אויף די דעכער.
אין שרעקליכען בענקען, פערראומערט, פערצאגט
הערט צו איהם דער יונגער פערברעכער.

ער הערט און עס ווארפט איהם אין שוידער, עס גרוילט,
און עפעס אזוי ווי מיט ווערטער,
איהם דוכט זיך, דא ווערט איהם א מעשה דערצעהלט
דורך ציין-קריצעריי און געלעכטער.

א טרויעריגע מעשה פון זודיגע בלוט
און גרויסע און ברייטע פערלאנגען,
פון שרעקליכע קרעפטען און העלדישען מוטה,
וואס זענען אויפ'ן טייוועל געגאנגען.

איהם הערט זיך א סווישטש פון אלמעכטיגען קנוט

. . . .

איהם זעהט זיך א שטראם פון אונשולדיגע בלוט,
און יונגינקע, פרישינקע קברים...

די יונגינקע קבֿרים — דאָס זענען אַלץ פֿרײַנד,
אַלץ נאָהענט, פֿערשטענדליך און טײַער,
וואָס האָבען ווי ליכטיגע שטערען געשײַנט,
געטראָגען דעם הייליגען פֿײַער;

די יונגינקע קבֿרים—די האַרץ, אָ, ווי ס'רײַסט!—
דאָס זענען אַלץ פֿרײַנד און חבֿרים
אין ליכטיגען זינען און מעכטיגען גײַסט,
אַלץ איינע אין איינע גבורים.

צושאָסען, צוהאַנגען, צופֿוילט אין אָסטראָג,
צוקאָשעט, צומורסט און צוריבען,
קיין שריד ופליט געבליבען.
אָ שרעקליך, ווי לאַנג איז דער מאַרטיראָלאָג!

דער שטורם—ער רײַסט זיך, דער שטורם—ער קלאָגט
און קײַקעלט זיך בייז אויף די דעכער.
אין שרעקליכען בענקען, פֿעראומערט, פֿערצאָגט
הערט צו איהם דער יונגער פֿערברעכער.

מ. ראָזענפעלד.

I

דער פּאָעט.

(אײנשװערונג).

פֿאר'ן דיכטער א פּראָגראַם,
װאָס צו זינגען און צו זאָגען —
דאָס איז אונזער גרויסער ים
פֿון יסורים און פֿון קלאָגען.

אָ, זעהסטו די שׂעפֿער? בעטראַכסט די פֿאַבריקען?
דאָס שאַפֿען די מענשען דעם מענש זײנע גליקען:
זײ שניצען און בויען, און שפּינען, און װעבען,
און שנײדען און שמידען און שאַפֿען דאָס לעבען.
דאָך פֿרעג זײ די בלײבע, װאָס צאַפּלען און שװיצען,
װי גרויס זײער לוין איז און װאָס זײ בעזיצען?
אָ, פֿרעג װי זעהט אוים זײער היים װאו זײ קומען
בײנאַכט, װען די פֿינסטערע רעדער פֿערשטומען!
אָ, פֿרעג װאָס זײ טהוען אין צײטען פֿון דאַרבען: —
אין צײטען פֿון סלעק*), יע, אין צײטען פֿון שטאַרבען!
אָ, פֿרעג, װער האָט שולד אין דעם עלענד דעם שװערען,
און פֿעהלט זײ בעװאוסטזײן, — זאָלסטו זײ ערקלערען!
ערקלעהר זײ די סיבה פֿון שרעקליכען איבעל
און מעג די פֿערדאָרבענהײט האָבען פֿעראיבעל,
דײן פּען זאָל אַ פֿידעל צוגלײך און אַ שװערד זײן:
זאָלסט שפּילען און שטראָפֿען, דײן קראַפֿט זאָלסטו איבען,
און האַסט דיך די חיה, דער מענש װעט דיך ליבען,
דאָס רעכט װעט דיך ליבען און גרויס װעט דײן װערט זײן.
נו, שװער, װעסטו זײן מיט דעם אָרימען און שלאַפֿען?

„אָ, הער:
איך שװער!"

טאָ נעהם צו די ברכה פֿון טויזענדע שקלאַפֿען!

אָ, זעהסט דורכ'ן רויך די צוקאָכטע אַרמעען?
דו הערסט?—דער גיהנם וואַלט אויף מיט געשרייען!
עס קלינגען די שווערדען, עס הילכען גראַנאַטען:
די טייערע יוגענד פערשווינדעט אין שאָטען.
אָ, בלוטיגע טייכען פערגיסען די בלומען!
דער אַקער פערפלייצט און די פעלדער פערשוואומען.
מען זעהט ניט קיין ערד און מען זעהט ניט קיין הימעל,—
אָ, שרעקליכע קולות, אָ, ווילדער געטומעל!
אַ פחד פאַלט אָן אויף די בערג און זייער שטוינען.
דאָס איז אַ מלחמה, עס שפּיעלען זיך קרוינען.
די חיה אין מענש האָט זיך פּלוצלונג צובייזערט,
דער מענש אין דער חיה, זיך פלוצלונג צוקייזערט.
נישטאָ קיין געפיהלען, נישטאָ קיין רחמנות.
עס זיפצען יתומים, עס קלאָגען אַלמנות.
עס וויינען די וואָלקען אַרונטער פון אויבען,
עס יאָמערט די ליעבע, עס ציטערט דער גלויבען...
ט, שוועך: וועט דיין פעדער פערדאַמען מלחמות?
„אָ, הער:
איך שווער!“
טאָ נעהם צו דעם לויב פון מיליאָנען נשמות!

וואוהין?

(צו א מיידעלע).

וואוהין, וואוהין, דו שעהנעס קינד?
די וועלט איז נאָך ניט אָפען!
אָ זעה, ווי שטיל דאָ איז אַרום!
פאַרטאָג, די גאַסען שטעהען שטום,—
וואוהין, וואוהין, אַזוי געשווינד?
יעצט איז דאָך גוט צו שלאָפען:
די בלומען טרוימען דאָך נאָך,—זעהסט?
עס שווייגט נאָך יעדער פויגעלנעסט,—
וואוהין פאָרט טרייבט עס דיך אַצונד?
וואו לויפסטו, זאָג, בעגינען?
„איך געה פערדיענען!“

וואוהין, וואוהין, דו שעהנעס קינד,
זאָ שפּעט בּײַנאַכט שפּאַציערען?
אַליין דורך פינסטערניש און קעלט!
און אַלעס רוהט, עס שווײַגט די וועלט,—
וואוהין פאָרט טראָגט עס דיך דער ווינד?
דו ווערסט דאָך נאָך פערפירען!
קוים האָט דער טאָג דיר ניט געלאַכט,
וואָס קען דיר העלפען דען די נאַכט?
זי איז דאָך שטום און טויב און בּלינד!
וואוהין מיט לײַכטען זינען?
„איך געה פערדינען!“

מײַן רוהע־פּלאַץ.

ניט זוך מיך, וואו די מירטען גרינען!
געפינסט מיך דאָרטען ניט, מײַן שאַץ;
וואו לעבּענס וועלקען בּײַ מאַשינען,
דאָרטען איז מײַן רוהע־פּלאַץ.

ניט זוך מיך, וואו די פויגעל זינגען!
געפינסט מיך דאָרטען ניט, מײַן שאַץ;
אַ שקלאַף בּין איך; וואו קייטען קלינגען,
דאָרטען איז מײַן רוהע־פּלאַץ.

ניט זוך מיך, וואו פאָנטאַנען שפּריצען!
געפינסט מיך דאָרטען ניט, מײַן שאַץ;
וואו טרעהרען רינען, צײינער קריצען,
דאָרטען איז מײַן רוהע־פּלאַץ.

און ליעבּסטו מיך מיט וואַהרע ליעבּע,
טאָ קום צו מיר, מײַן גוטער שאַץ!
און הײַטער אויף מײַן האַרץ די טריעבּע,
און מאַך מיר זיס מײַן רוהע־פּלאַץ.

וואָס איז די וועלט.

און איז אונזער וועלטעל אַ שלאָפצימער נאָר,
און איז נאָר אַ חלום דאָס לעבען;
דאַן זאָלען מיר, וויל איך, אויף מיינע פאָר יאָהר
אין גוטע חלומות פערשוועבען.

דאַן וויל איך חלומות פון פרייהייט און גליק,
ווי יענע גרויסאַרטיגע העררן:
דאַן וויל איך אין חלום אַ ליעבליכען בליק
און וויל ניט מעהר טרוימען פון טרערען.

און איז אונזער וועלטעל אַ שמחה, אַ באַל,
וואו מיר זענען אַלע פערבעטען;
דאַן ווילט זיך מיר אויך זיצען ברייטלעך אין זאַל
און האָבען אַ חלק אַ פעטען.

אויך איך קען פערדייהען אַ זאַך, וואָס איז גוט,
אַ ביסען אַ פעטען פערטראָגען;
איך האָב אין מיין גוף אויך די זעלביגע בלוט,
ווי די, וועלכע אוצרות פערמאָגען.

און איז נאָר אַ גאָרטען אַצונד אונזער וועלט,
וואו ס'וואַקסען אויף אַלערהאַנד ראָזען,
דאַן וויל איך שפּאַציערען דאָרט, וואו מיר געפעלט,
און ניט, וואו די רייכע מיר לאָזען.

דאַן ווילט זיך מיר טראָגען פון בלומען אַ קראַנץ,
איך וויל זיך מיט דערנער ניט ציערען;—
דאַן ווילט זיך מיר אויך מיט מיין ליעבסטער אין גלאַנץ
פון מירטען און לאָרבערן שפּאַציערען.

און איז אונזער וועלט אַ מלחמה אַצונד,
וואו שטאַרקע און שוואַכערע שטרייטען;
דאַן אַרט מיך קיין שטורעם, קיין ווייב און קיין קינד,
איך בלייב ניט מיט קאַלטקייט פון ווייטען.

דאַן וואַרף איך אין פייער זיך, ווער איך אַ העלד,
אונ קעמפף ווי אַ לייב פיר דעם שוואַכען;
אונ טרעפט מיך די קויל — איך פאַל טויט אויפ'ן פעלד,
דאַן קען איך אויך שטאַרבענדיג לאַכען.

מאַי.

ווידער איז דער מאַי געקומען,
מיט זיין צויבער, מיט זיין פראַכט, —
אַלע גראָזען, אַלע בלומען
האָבען ווידער אויפגעוואַכט.
ווידער בליהט עס אויף די פעלדער,
ווידער גרינט עס אין די וועלדער,
ווידער גלאַנצט עס איבעראַל,
ווידער זינגט די נאַכטיגאַל.

ווידער נעהמט דער פריהלינג מאָהלען
מיט זיין פינזעל; ווי ער שמירט,
ווערען בערגער, ווערען טהאָלען,
ווערט די ערד מיט גרין פערציערט.
ווידער לאַכט די זון אַרונטער
צו דער וועלט און מאַכט איהר מונטער:
מיט איהר שמייכעל, מיט איהר קוס
מאַכט זי גרייט איהר צום גענוס...

גלייך פאַנגט אָן צו גרינען, בליהען
יעדער מענשליכער געפיהל;
וואונדערשעהנע פאַנטאַזיען
ציהען דורכ'ן הערצען שטיל;
גאָלדענע חלומות שוועבען
און זיי וועבען
נייע הימלען,
און זיי וועקען
נייעס לעבען,
און עס קלעקען
טויזענד גליקען,
יעדע זעלע צו ערקוויקען.

די כלה פון די בערג.

אויף די אַללעגיינע בערגער*)
וועהט זיך אַ רואינע; —
דאָרטען ליגט אַ איינגעפאַלנע,
אַלטע קויהלען־מינע.

און ניט ווייט פון דיזער חורבה,
איינזאַם און פערלאָזען,
שטעהט אַ שטיבעלע אַ קליינע
צווישען ווילדע גראָזען.

דאָרטען פלעגט דער אַלטער בערגמאַן
רוה ביינאַכט געפינען;
דאָרטען פלעגען זיפצען קלינגען,
שטילע טרעהרען רינען.

דאָך די וויסטע קויהלען־מינע —
דאָרט איז בלוט געפלאָסען.
אונטען ליגט דער גוטער אַלטער
און זיין טאָכטער'ס חתן.

און זיין פרומע, שעהנע טאָכטער,
אַך, וואָס קען זיין ערגער?
וואַנדעלט מיט אַ גייסט אַ קראַנקען
אויף די שטומע בערגער.

איינזאַם לעבט זי צווישען שטיינער,
אָהן אַ טרייסט, אָהן האָפען;
שפעט ביי־נאַכט נאָר אויף דער מינע
ווערט זי שטיל אַנשלאָפען.

דאָך ווי גיך זי שלאָפט נאָר איין דאָרט,
שפיעלען די כלי־זמרים,
און איהר טאַטע און איהר חתן
עפענען די קברים.

*) אין די דאָזיגע בערגער איז פאַראַן אַ סך קויהלען־גרובען.

און מיט זיי די בערג־לייט אַלע,
אַלע מיט געזאַנגען —
און ניט ווייט דאָרט פֿון דעם קלויסטער
הערט מען דומפּפֿע קלאַנגען.

שטום אַנשווייגען, ווי דער קבֿר,
שוואַרץ אין בלוט בעגאָסען,
נעהמט אין אָרעם זיין געליעבטע
דער פֿערקיהלטער חתן.

גלייך טרעט צו דער אַלטער טאַטע,
דורכגעבּרענט מיט וואונדען,
וויינט און בענשט די קינדער זיינע,
זיפֿצט און ווערט פֿערשוואונדען.

דאָ פֿערשטומען די כּלי־זמרים
און די גלאָקען אַלע, —
אַלעס שווינדעט און שווייגט; עס בלייבען
נאָר די חתן־כּלה.

און זיי בלייבען און זיי טאַנצען
רוהיג, קיינער שטערט ניט,
ביז עס גיט אַ וואונק פֿון ערגעץ,
און דער חתן ווערט ניט.

דאָ שפּרינגט אויף דעם טויטענ׳ס כּלה:
„אַ, דו מענשענשלעכטער!"
און פֿערשווינדעט אין די בערגער
מיט אַ ווילד געלעכטער.

פֿערצווייפֿלונג.

אָ, דאַרף מען ניט רוהען כאָטש איין טאָג אין וואָך,
אַ טאָג מעהר ניט פֿריי זיין פֿון שרעקליכען יאָך?

פֿערגעסען דעם באָס*), דעם פֿערביסענעם מרוק,
זיין פֿינסטערע מינע, זיין שרעקליכען קוק,
פֿערגעסען די שאַפּ און דעם פֿאָרמאַנ'ס געשריי,
„פֿערגעסען די קנעכטשאַפֿט, פֿערגעסען דעם וועה,
פֿערגעסען זיך ווילסטו און רוהען דערצו?
ניט זאָרג זיך, אָט באַלד וועסטו געהן אין דיין רוה!"

באַלד האָבען די בוימער און בלומען פֿערבליהט,
באַלד ענדיגט דער פֿויגעל דער לעצטער זיין ליעד,
באַלד זעהט מען נאָר קברים אַרום און אַרום!
אָ, ווי וואָלט איך וועלען אַ שמעק טהאָן אַ בלום,
אַ שלונג טהאָן כאָטש, איידער עס שטאַרבט אָב דאָס גראָז,
אויף פֿעלדער בעגריינטע דעם ווינטעלעס בלאָז!
„אין פֿעלד ווילסטו זיין, וואו עס איז לופֿטיג און גרין?
נישט קשה, מען וועט דיך שוין ברענגען אַהין!"

דער טייך איז בעזילבערט און גלאַנצט אַזוי שעהן,
עס טאַנצען די וועלען מיט וועלטענעם חן, —
אָ, דאָרט זיך צו באָדען ווי גוט מוז עס זיין!
ווי וואָלט איך מיט חשק אין וואַסער אַריין!
מיין גוף איז פֿון שרעקליכע אַרבייט פֿערשוואַכט, —
ווי וואָלטען די בעדער מיך שטאַרקער געמאַכט! —
„אָ, באָדען זיך ווילסטו, זיך וואַשען אין טייך?
ניט שרעק זיך, מען וועט דיך אַרומוואַשען גלייך!"

די סוועט-שאַפּ איז פֿינסטער און רויכיג און קליין,
אָ, ווי זאָל מיין בלוזע די ווייסע זיין ריין?
אין שמוציגען שאַפּ איז די ריינקייט מיר פֿרעמד; —
און דאָך ווי בעגעהר איך אַ קלאָר-ווייסע העמד!
אַ שירץ וואָס איז זויבער, אַ בלוזע וואָס לייכט, —
פֿון שחיים ניט געברודיגט, פֿון טרעהרען ניט פֿייכט!
„זיך אָנטהאָן אין ווייסען פֿערלאַנגסטו אַצונד?
מען וועט דיך שוין אָנטהאָן און אָנטהאָן געשווינד!"

אין וואַלד איז אַ חיות, אין וואַלד איז עס קיהל, —
דאָרט טרוימט זיך עס ליעבליך, דאָרט טרוימט זיך
עס פֿיעל!

*) בעל-חיות.

דִי פֿױגעלעך זִינגען מהיה'דִיג פֿײַן,
דִי טענער דִי זִיסע זײַ שלעפֿערען אײַן; —
אִין שאַפּ אִיז עס אָבער אַ רױש און עס שטִיקט, —
אָ, װי װאָלט דער װאַלד מִיך געקִיהלט און געקװִיקט! —
„זִיך אָבקִיהלען װִילסטו װאָס טױג דִיר דער װאַלד?
נִיט לאַנג װעט עס נעהמען און דו װעסט זײַן קאַלט!“

אַ טײַערען חבֿר צו האָבען אִיז גוט, —
אִין נױט גִיט ער האָפֿנונג, אִין עלענדקײַט מוטה!
אַ טײַערער חבֿר פֿערזִיסט דִיר דײַן זײַן,
ער גִיט אַ חשק אִין לעבען אַרײַן; —
און אִיך בִּין פֿעריתום'ט און אִיך בִּין אַ שטײן. —
צװִישען טױזענדער מענשען, דאָך אײנער אַלײן...
„װעסט האָבען הבֿרִים בּאַלד גאָר אָהן אַ שיעור:
זײ ראָיען זִיך שױן און זײ װאַרטען אױף דִיר!“

דִי נײַע צײַט.

װען עס שװעבען װאָלקענס טרעהרען
און אִין הִימעל שײַנט קײן שטערען,
אַלץ אִיז פֿינסטער און פֿערטרױערט
און דער שװאַרצער עלענד לױערט
אױף דִי מענשהײַט נאָהנט און װײַט;

װען דִי װעלט אִיז פֿול מִיט װײנער,
און פֿון טױזענד לעבּט נאָר אײנער,
אום דִי טױזענד צו פֿערשלִינגען —
דאַן, אָ, מוז דער דִיכטער זִינגען
לִיעדער פֿון אַ נ ײַ ע צ ײַ ט.

דאַן בּרעכט אױס זײַן שטִים אִין בּלִיצען,
הערטער דונערן, פֿונקען שפּרִיצען —
זײַן געזאַנג װערט אַ געװִיטער,
הִילכט און לאַרעמט מִיט אַ צִיטער:
„הױבּט זִיך אױף און װערט בּעפֿרײַט!

נעהמט אַרױס פֿון דער פֿערפֿעסטונג!

אַחדות איז אַ שטאַרקע פֿעסטונג,
מוטה איז מעכטיגער אַלס וואַפֿען,
און די מענשהייט דאַרף קיין שקלאַפֿען —
פֿרייהייט וויל די נייע צייט!„

און עס שטראָמען אָן די מאַסען
דורך די פֿעלדער, דורך די גאַסען,
די מיט שטאַרקייט, די מיט וויסען,
גרייט דאָס לעבען צו געניסען,
און צו זעהן די וועלט בענייט;

פֿריי און ניט בעהערשט פֿון קיינעם,
בינדען אַלע זיך אין איינעם,
זעלען גליהען, הערצער קוועלען,
אין עס טרעלט פֿון אַלע קעהלען,
און עס קומט די נייע צייט.

* * *

אַלזאָ זינג איך אייך מיט פֿייער:
הויבט זיך, וועמען גליק איז טייער,
וועמען עלענד'ס שוואַרצע פּלאַגען
האָבען נאָך ניט גאַנץ דערשלאָגען
און זיי טויגען נאָך צום שטרייט.

אונזער וועלט איז פֿול מיט וויינער,
און פֿון טויזענד לעבט נאָר איינער
אום די טויזענד צו פֿערקנעכטען!
הויבט זיך, הויבט זיך, נעהמט אייך רעכטען
און בעגריסט די נייע צייט.

*מיר זענען פֿרייהייטס־סאָלדאַטען.

(א'ן ארבייטער־מארש).

מיר זענען סאָלדאַטען אין פֿרייהייטס־אַרמעע
און שטעהען גאַנץ פֿעסט אין די רייהען —
מיר קומען בעפֿרייען די וועלט פֿון איהר וועה,
די מענשהייט פֿון קנעכטשאַפֿט בעפֿרייען.
בעגייסטערט מיט אמת, בעלאָדען מיט מאַכט,
מאַרשירען מיר גענען האַרמאַטען —

מיר קומען אין זונען־שיין פערוואַנדלען די נאַכט,
מיר קומען ווי בראַווע סאָלדאַטען.

מיר האָבען דורך דורות געטראָגען די נויט,
און שטיל און געדולדיג געשוויגען.
עס האָט אונז דער רייכער געמאַטערט צום טויט.
געטראָטען, געריבען ווי פליגען.
נון קומען מיר זאָגען דעם מעכטיגען „האַלט!"
און וואַרפען אַ שרעק אויף דעם זאַטען...
מיר קומען צושטערען די הערשאַפט פון גוואַלד,
און קומען ווי בראַווע סאָלדאַטען.

מיר קומען מיט פעסטע כלי־זין פערזעהן
און רופען זיך מעהר ניט: „די שוואַכע" —
פאָראויס געהט אונז מאַרקס מיט זיין מעכטיגער פען,
לאַסאַל מיט זיין גוואַלדיגער שפּראַכע.
אונז פעהלען קיין פיהרער, אונז פעהלט קיין געוועהר—
אָ, ציטערט איהר שטאָלצע מאַגנאַטען! —
מיר קומען פערזאָרגט און בעוואַפענט אַהער,
און קומען ווי בראַווע סאָלדאַטען.

וואָס אַרט אונז אַ שונא! וואָס אַרט אַ שפּיאָן!...
מיר בלייבען דער זאַכע נאָך טרייער,
מיר הויבען נאָך העכער די היילינגע פאָהן
און וואַרפען זיך דרייסטער אין פייער.
ניטאָ אַזאַ מאַכט, וואָס זאָל שטערען דעם זיעג
פון אונזערע קרעפטיגע טהאַטען —
מיר ציהען מיט ליעבע אין ברענענדען קריעג,
ווי עהרליכע פרייהייטס־סאָלדאַטען.

די נאַטור צום אַרבייטער.

בין איך ניט שעהן פאַר דיר?
האָב איך קיין חן פאַר דיר?
פעהלט מיר דען גוטיגקייט?

דיר פעהלט נאר מוטיגקייט —
האב נאר פערלאנגענסקראפט,
ברעכסטו די צוואנגענסקראפט,
ווערסטו בעגליקט.
איך שטעל די ברוסט דיר אויס,
קומסט און געניסט דעראויס
שטארקייט און פעסטיגקייט,
פיהלסטו א זעטיגקייט,
ווערסטו ערקוויקט.

דו ביזט מיין נעהנטעסטער,
דו מיין בעקאנטעסטער —
ליידסט מיינע שטורמס אפט,
שלייפסט מיינע פורעמס אפט,
גלייכסט מיינע קרומקייט אויס,
היילסט מיינע שטומקייט אויס,
דולדעסט מיין ריס.
דו טארסט ניט ליידען דא,
דו טארסט ניט מיידען דא,
אלץ, וואס קען לוינען דיך,
אלץ וואס קען קרוינען דיך —
קום און געניס!

מאכסט מיינע פוסטיגקייט
פול אפט מיט לוסטיגקייט,
העלפסט זיך מיר גרעסערען
אפט און פערבעסערען —
דו האסט דאס רעכט ביי מיר,
דו ביזט קיין קנעכט ביי מיר —
דו ביזט מיין העדר.
וואס טויגען טובות דיר?
נעהם דיינע חובות דיר!
זעה ווי געציערט איך בין!
וואס פאר א גבירטע ד'בין —
בעטעל ניט מעהר.

ווער קען דען דינגען דיך?
ווער קען דען צווינגען דיך,

ליעבליכער מאַן מיינער?
פריי ווי דער פלאַם מיינער,
פריי ווי דער פלאַן מיינער,
פריי ווי דער ים מיינער
זיי פון איצט אָן.
קנעכט צו זיין שעם זיך דאָך!
מענש צו זיין נעהם זיך דאָך!
אויס אונטערטעניג זיין!
דו זאָלסט מיין קעניג זיין!
קום אויף מיין טראָהן!

אַ נְבוּאָה.

אַזוי ווי איהר קענט די געפעהרליכע מויל
פון ווילדען וואולקאַן ניט פערמאַכען,
ווען פלוצלונג ער קאָכט זיך פאַנאַנדער מיט גרויל
און וואַרפט פון זיין גליהענדען ראַכען
די יאָהרענלאַנג קלייענדע גלוט מיט אַ גוואַלט,
אַזוי וועט איהר אויך ניט פערמאַכען
דעם קראַטער פון צאָרען ביי דעם, וואָס איהר האַלט
פערשקלאַפט איצט, ווען ער וועט ערוואַכען.

איז שטיל, דאַכט זיך, רוהיג, פון אויפרעגונג ווייט
און גיט זיין געדולד אויף צושטייער,
דאָך טיעף אין זיין בוזים פערפערטיגט די צייט
אַ גרויסען און שרעקליכען פייער...
און וועה, ווען דער דאָזיגער פייער ברעכט אויס!
אָ, וועה אייך פאַר יענע מינוטען,
ווען ענדליך עס וועלען מיט שרעקען אַרויס
די יאָהרענלאַנג קלייענדע גלוטען!

אויף אייערע טעמפלען, אויף אייער פּאַלאַסט,
אויף אייערע סאַלאָנען זיך שפּרייטען
וועט יענער געוואַלטיגער פלאַם מיט אַ האַסט.
אויף אייערע וועגד מיט די קוויטען,
אין בלומענטאָפּ וועט ער פערציערען די רויז,
וואָס בליהט אייער ברוסט צו פערציערען,

און לאָזען אײך נאַקעט, און לאָזען אײך בלויז,
אין שאַנדע צום קבר מאַרשירען.

צושמאָלצען װעט װערען דער גאָלדענער געץ,
פאַר װעלכען איהר קניעט און איהר פלאַטערט,
און איהר, אין זײן הײסע און בלוטיגע פעטס...
װעט װערען צוקאָכט און גע׳פּטר׳ט;
זאָגאַר אויף די טרעפּ װעט איהר טרעפען דעם בראַנד,
פערצעהרען דעם שפּיץ פון די אײכען —
אומזיסט װעט איהר הויבען צום הימעל די האַנד
איהר װעט איהם ניט קענען דערגרײכען!

דען העכער װעט װערען אין יענעם מאָמענט
דער הימעל, גאָט װעט זיך ערהויבען
און אָבקעהרען פון די פערבלוטיגטע הענד,
פערשמירטע פון מאָרדען און רויבען.
און איהר װעט דאַן בלײבען אַ רויב צו דעם כעס,
װאָס איהר נאָר אַלײן האָט געשאַפען,
דורך אײער צולאָזענקײט און משוגעת —
אין אײערע עלענדע שקלאַפען...

פון מזרח ביז מעריב װעט גרײכען דער פלאַם,
פון דרום ביז צפון זיך ציהען, —
ער װעט װי אַ װאונדער אַריבער דעם ים
און קומען װי כשוף צופליהען.
עס װעט קײן פערלעגענער װינקעל ניט זײן,
װאו איהר װעט זיך קענען פערשטעקען,
דען העל װעט עס זײן איבעראַל פון אַ שײן,
װאָס װעט אויף אײך װײזען מיט שרעקען.

אָ, דאַן װעט איהר זעהן אײער שרעקליכען סוף,
פון װעלכען איהר װילט יעצט ניט הערען,
דאָס װעלט־געריכט װעט אײך בעשטימען די שטראָף
און איהר װעט ניט קענען זיך װעהרען.
איהר װעט, װי אַ חלום אין דונקעלער נאַכט,
פערשװינדען אין רויך און אין שטן,
און ענדיגען װעט זיך די הערשאַפט פון מאַכט
געשטיצט אויף דער קראַפט פון האַרמאַטען.

י. ל. פרץ.

פון יחזקאל.

(קאַ טעל ל״ג)

עס שלײַכט צו אַ שטאָדט בײַנאַכט
די שווערד!
נור אויפ'ן טהורם דער וועכטער וואַכט —
ער הערט!

און בלאָזט טראָמפּײַט
און שמעטערט מיט מאַכט,
עס ציטערט די נאַכט
דאָס פאָלק ערוואַכט — —
דער שונא געהט, דער שונא געהט!
און ס'פלאַקערט אויף די שלאַכט,

אין הויף, אין גאַס,
אויף מויר און וואַנד,
פאַר ווײַב און קינד,
פאַר פאָלק און לאַנד!

פאַר רעכט און פרײַ געהט אַליץ אין קאָן!
ווער זיעגען וועט, דאָס ווײסט איין גאָט;
דער וועכטער
דאָך זײַנס געטהאָן!
ער האָט זײַן עהרע ניט בעפלעקט,
ער האָט געוועקט!
ער האָט געדיענט זײַן פאָלק, זײַן לאַנד!

נאַר וועה דעם וועכטער, שפּאָט און שאַנד,
וואָס האָט בײַנאַכט
איין אויג פערמאַכט
און ערוואַכט
ערשט אין דעם בראַנד!

דאס געבעט.

(נאכאהמונג).

רבונו של עולם!
נאך ווייניג געליטען?
ווען ווערסט דו, רבונו
של עולם, פערשיטען

דעם אבגרונד, דעם טיפען,
וואס טיילט דיינע קינדער
אויף שטארקע און שוואכע,
אויף לעמער און שינדער?

און ברייט איז דער אבגרונד,
און טיעף ווי א תהום,
און זאפט אין זיך איין
אונזער בלוט ווי א שוואם!...

עס ציטערט פון דארטען
דער וועהטאגס־געוויין,
דארט ליגט די נקמה
און קריצט מיט די ציין...

דארט ליגט די פערצווייפלונג
דערשראקען, פערבליפט
מיט ליפען ווי קוילען
ביים בעכער פון גיפט...

רבונו של עולם!
נאך ווייניג געליטען?
ווען ווערסטו דעם שרעקליכען
אבגרונד פערשיטען?...

עס ווערען אין אבגרונד,
— וואו ס'מעסער נור בליצט,—
מיט בלוט אויף די ריינסטע
אידעען בעשפריצט...

דארט ברעכען די פליגעל

די אָדלער די גרעסטע;
דאָרט ווערען פערשטיינערט
די הערצער די בעסטע...

רבונו של עולם!
צו שפּראָצט דען דיין לויב
אין פוילען, אין פינסטערען
בלוטיגען שטויב?

דריי נייטאָרינס.

די אויגען רויט, די ליפּען בלאָה,
קיין טראָפּען בלוט אין באַק נישט דאָ,
די שטערן בלאַס, בעדעקט מיט שווייס!
דער אָטעם אָבגעהאַקט און הייס — —
עס זיצען דריי מיידלעך און נעהען!

. . . .

די נאָדעל — בלאַנק, די לייוואַנד — שניי,
און איינע טראַכט: איך נעה און נעה!
איך נעה ביי טאָג, איך נעה ביי נאַכט,
קיין חופּה־קלייד זיך נישט געמאַכט!
וואָס קומט אַרויס — איך נעה?

ניט איך שלאָף און ניט איך עס...
איך וואָלט געגעבען אויף מאיר בעל־נס,
אפשר וואָלט ער זיך געמיהט:
איין אַלמן כאָטש איין אַלטען איד,
מיט קינדערלעך אַ שאָק!

. . . .

די צווייטע טראַכט: איך נעה און שטעפּ,
און שטעפּ מיר אויס נאָר גראָהע צעפּ!
דער קאָפּ — דער ברענט, די שלעף — די האַקט
און די מאַשין — זי קלאַפּט צום טאַקט:
— טאַ־טאַ, טאַ־טאַ, טאַ־טאַ!

איך פערשטעה דאך יענעמס ווינק!
אהן א חופה, אהן א רינג,
וואלט געוועזן א שפיעל, א טאנץ
א ליעבע אויף — א יאהר א גאנץ!
נאר דערנאך, דערנאך?

. . . .

די דריטע שפייט מיט בלוט און זינגט:
איך געה מיך קראנק, איך געה מיך בלינד!
עס צוויקט די ברוסטביי יעדען שטאך,
און ער האט התונה די וואך!
איך ווינש איהם נישט קיין שלעכטס!

עט, אלץ פערגעסען וואס א מאל...!
תכריכים וועט מיר געבען קהל,
אויף א קליינטשיק פיצעל ערד,
איך וועל רוהען אונגעשטערט,
איך וועל שלאפען, שלאפען!...

ביי דעם פרעמדען חופה־קלייד.

(דאס ליעד פון דער נעהטארין.)

בלאס איז דאס זיידענציי פונקט ווי מיין פנים׳על,
דורכזיכטיג־דין ווי מיין הויט...
דיהרט מען עס, קרעכצט עס „אוי!" פונקט מיינע ביינדעלעך —
דאס הייסט א גליקליכע מויד!

היינט וועלען קומען בריליאנטענע קנעפעלעך,
גרויסע, ווי ארימע טרעהרען!
נו, איל דיך רעדעלע, איל דיך, טרעקאטשע,
כ׳זאל מיינע ביינדלעך נישט הערען!

טראך־טראך־טראך, ביינדעלע! טור־טור־טור, רעדעלע!
שלאג׳מיר דאך גלייך מיט׳ן זינגער...
טראך־טראך־טראך, ביינדעלע! טור־טור־טור, רעדעלע!
ווען וועל׳מיר רוהען, א שטיינער?

די צװײ ברידער.

אױף יענער זײַט ים איז געשטאַנען אַ מאָל
אױף הינטערשטע פּיסלעך אַ הײַזעל אין טהאָל.
  געשטאַנען זיך פּראָסטע, אָהן עזות, אָהן שטאָלץ,
  אָהן פּוצעכץ, אָהן ציערונג—פֿון לײם און פֿון האָלץ!
אַ פֿענסטער אַ קלײנטשיקס, נאָר הנודינג האָלד;
די זון זי בעשײַנט עס טאָג־טעגליך מיט גאָלד!
  לבנה און שטערען
  פֿערהאַלטען זיך גערן
און מאָלען מיט זילבער די שױבען!

דאָס האָט דער הימעל די ליעבע בעלױנט!
עס האָבען אין הײַזעל צװײ ברידער געװאָהנט!
  עס האַלטען צװײ הערצער צוזאַמען געטרײַ,
  שװער איז די אַרבײַט, נאָר ס'אַרבײַט זיך פֿרײַ!
װײַס איז דאָס מעבעל, מיט קלײַען דאָס ברױט,
נאָר אַלץ איז בשותפֿות—די פֿרײד און די נױט!
  עס האָט זיך געלעבט,
  די צײַט האָט געװעבט
איהר לאַנגען, איהר כשר'ן פֿאָדים!

נאָר אײנמאָל בעװײַזט זיך אַ גאַסט אױף דער שװעל,
פֿול גינגאָלד, שמאַראַגדען, עס פֿונקעלט זײַן פֿעל!
  די שלאַנג איז געקומען מיט גלאַנץ און מיט פּראַכט;
  דער עלטערער ברודער, דערזעהט זי און טראַכט:
עס איז אױף דער װעלט דאָך עשירות פֿאַראַן!
װען איך האָב אַ שמאַראַגד, איך אָרימער מאַן,
  איהן, װאָס ניט?
  כ'װאָלט אױפֿ'ן יריד
געקױפֿט מיר צו מעלקען אַ קוה!

די שלאַנגען—זײ װײסען װאָס ס'טראַכט זיך בײַ לײַט;
זי װינקט איהם און רופֿט איהם אַחעק אָן אַ זײַט,
  און זאָגט איהם: אײ, ברודער, װאָלסט דו נאָר געװאָלט,
  װאָלסטו געהאַט שױן פֿול פֿעסער מיט גאָלד,
קרעלען, דיאַמאַנטען, בריליאַנטען אַ װעלט,

און אַלץ וואָס מען קען נאָר בעקומען פאַר געלד;
איך מאַך ניט קיין שפּאַט,
איך ווייס שוין דעם סוֹד,
איך קען דיר איהם זאָגען אין וואַלד;

די שלאַנג איז אַוועק און דער יונגערער קלערט:
ווי גאָט האָט זיך יעדען זיין שעהנקייט בעשערט;
געה פרעג איהם: דער גלאַנץ און די שעהנקייט
וואָס טויג?
ביי'ם עלטערען פלאַמט שוין די תאוה אין אויג:
קרעלען, דיאַמאַנטען, בריליאַנטען — אָה, גאָט;
זי זאָל נאָר ניט נאַרען און זאָגען דעם סוֹד;
ער קוקט אויפ'ן וואַלד,
און גנב'ט זיך באַלד
פון ברודער אַרוים צו דער שלאַנג;

די זון געהט שוין אונטער, פערגאָלדעט נאָך די זוים
פון וואָלקען אין הימעל, און אונטער אַ בוים
זיצען שוין ביידע — דער מענש און די שלאַנג;
זיי זיצען צוזאַמען און שמועסען שוין לאַנג.
ער ציטערט און ווייסט ניט — פאַר פרייד צו פאַר שרעק?
זי וויקעלט דאָס האַרץ איהם אַרום מיט'ן עק,
און רעדט פון דיאַמאַנטען,
קרעלען, בריליאַנטען,
„אַלץ וועסט דו האָבען גאָר גרינג;"

„בעטראַכט נאָר דיין ברודער, דאָס איז אַ פאַבריק
פון קרעלען, בריליאַנטען, דיאַמאַנטען און גליק;
עס טרעפט זיך ער אַרבייט, און וואונדערליך הייס
ווערט איהם, דער שטערן בעדעקט זיך מיט שווייס,
עס טריפען די טראָפען!... ער ווישט מיט דער האַנד;
לאָז נישט! דער טראָפען דאָס איז דיאַמאַנט;
נאָר אַרבייט הייס;
קלייב אויף דעם שווייס;
שיטסט דו אָן פעסער דיאַמאַנטען;"

„עס טרעפט און איהם פאַלט פון די ברעמען אַ טרעהר,
דו שוטה, דו מיינסט, עס איז וואַסער נישט מעהר,

און טרייסט איהם, און האלוסט איהם, דו האלסט עס
ניט אויס,
און קושט איהם די טרעהרען פון ד'אויגען ארויס!
פערשוועגדסט דיין פערמעגען, דו נארישער קאפ,
לאז ווייגען, לאז וויינען! און קלייב יעדען טראפ!
א טראפ, האב פערשטאנד,
דאס איז א ברילליאנט,
רייך וועסט דו זיין ווי א קעניג!"

„דערנאך — האט דיין ברודער איין עדעלע פעל,
א שטאך מיט א נאדעל — דו האסט שוין א קרעל!
בלוט—זאגסטו—איז עס, בלוט—זאגסט דו—א קאפ.
דו נאר! עס איז קרעלען, דו צאפ נור און צאפ!
זאל ער נאר בלוטען און בלוטען נישט קארג!
אנשיטען וועסט דו שוין קרעלען א בארג!
דו האסט א פאבריק,
און מאך דיר דיין גליק,
ביזט שטארקער און ווייסט שוין דעם סוד!"

די ליפען פערביסען, די פויסטען געבאלט,
געהט שוין דער עלטערער ברודער פון וואלד,
די אויגען, זיי ברענען און זומען זיך שווארץ,
דאך צאפעלט די ליעבע צום ברודער אין הארץ,
ער טרייסט זיך: „איך וועל דאך נאר מאכען א פרוף,
א שטאך וועל איך געבען, א קליינען, נישט טיעף;
מיין ברודער? איך ווייס!
נור טרעהרען און שווייס,
הערסט דו דאך, זענען ברילליאנטען!

עס הערט די לבנה נאך די אייגענע נאכט,
ווי ס'האט אינ'ם שטיבעל געוויינט און געלאכט.
עס קוקען די שטערן אין פענסטער אריין:
ווי לאכט עס א ברודער ביים ברודערס געוויין?!
די זון האט צו מארגענס געוואונדערט זיך שטארק,
ווי שלאגט עס א ברודער דעם צווייטען אין קארק?
עס וואונדערט צוגלייך
דעם וואלד און דעם טייך:
וואס איז עס אין שטיבעל געשעהן?

און עס איז געקומען אויף ביידע גאָטס שטראָף!
דאָס גליק איז פערשוואונדען, עס ווייכט זיי דער שלאָף,
אַוועק איז די ליעבע, דער פריעדען אַוועק!—
דער שלאָפט ניט פאַר וועהטאָג, דער צווייטער פאַר
שרעק,
דער שרייט: ס'איז מיין עשרות, מיין רייכטום, מיין גוט!
און יענער: ס'איז טרעהרען, מיין שווייס און מיין בלוט!

א. רייזען.

דאָס נײַע ליעד.

און זאָל ווי ווײַט
נאָך זײַן די צײַט
 פֿון ליעבע און פֿון שלום;
דאָך קומען וועט,
צו פֿריה, צו שפּעט
 די צײַט — עס איז קײַן חלום!
איך הער דאָס ליעד,
פֿון ליעבע, פֿריעד
 די מעכטיגע געזאַנגען;
און יעדער טאָן
פֿון ליעד זאָגט אָן:
 די זון איז אויפֿגעגאַנגען!
עס עקט די נאַכט,
די וועלט ערוואַכט
 פֿול האָפֿנונג, לוסט און שטרעבען;
אין זאַנפֿטער לופֿט
אַ שטימע רופֿט:
 צו מוטה און קראַפֿט און לעבען!...

מײַן סחורה.

כ'האָב געבראַכט אַ סחורה
אויפֿ'ן וועלט־יריד:
מענשליכע געפֿיהלען,
אמת, פֿרײַנדשאַפֿט, פֿריעד.

פאַר דער גוטער סחורה
בעט איך נישט קיין געלד,
כ'וויל נאָר גליק און נחת
ברענגען אויף דער וועלט.

„נעהמט אומזיסט די סחורה"!
רוף איך הויך און שטאַרק.
נאָר פון ווילדען לאַכען
הילכט דער גאַנצער מאַרק.

„אָ, דו נייער, סוחר —
ביזט אונז שוין בעקאַנט!
נאָר דיין גוטע סחורה
טראָגט נישט קיין פּראָצענט.

אונזער גאַנצער האַנדעל
וועט פערגעהן, ווי ווינד —
ווייסט נים, וואָס ס'הייסט מסחור,
ביזט נאָך גאָר אַ קינד".

„ניין, איך בין קיין קינד נישט —
מסחור ווייס איך גוט: —
זיינע פונדאַמענטען:
פרעמדע שווייס און בלוט...

ערד און הימעל.

שכנים זענען ערד און הימעל,
וואוינען לאַנג שוין געגענאיבער,
זינט עס האָט זיי גלייך בעשאַפען
גאָט דער גוטער, גאָט דער ליעבער.

נאָר אַ רייכער איז דער הימעל:
האָט לבנה, זון און שטערען,
און די ערד איז וויסט און אָרים,
זי פערמעגט קוים עטוואָס טרעהרען.

און עס קוקט דער רייכער הימעל
אויף דער ערד מיט שטאָלצע בליקען,
איז ער אויפגעלעגט, דאַן לאָזט ער
דריי־פיער שטראַהלען ליכט איהר שיקען.

און די ערד — זי דאַנקט און דאַנקט איהם,
ס'שמייכעלט זיס דאָס פּנים איהרע,
און די קינדער איהרע אָר'מע
זינגען דאַן דעם הימעל שירה...

פאַר געלד.

זיין הארץ האָט געבענקט נאָך אַ ביסעלע ליעבע,
עס איז איהם געוועזען אַזוי קאַלט;
עס האָבען די טעג זיך ווי וואָלקען געצויגען
און האָבען געהאַט איין געשטאַלט.

די זון האָט געשאָסען מיט ליכטיגע שטראַהלען,
נאָר איהם האָט געוויכט יעדער שטראַהל,
עס האָבען מיט פרישקייט געשלאָגען די קוואַלען, —
פערפּס'ט איז געוועזען זיין קוואַל.

עס האָבען די בוימער געבליהט און די בלומען,
און ער האָט געשלעפּט זיך אויף זאַנד, —
זאָל איינער כאָטש קומען מיט ליעבע ענטקעגען,
זאָל איינער כאָטש געבען די האַנד!

נישט איינער! פערביי איהם איז יעדער געגאַנגען
געשענקט האָט איהם קיינער אַ בליק;
געוועזען איז יעדערער צופיעל פערטראָגען
מיט אייגענעם, נאַרישען גליק...

און ער האָט מיט בליקען געבעטעלט די ליעבע —
עס האָט איהם די קאַלטקייט געקרענקט;

אומזיסט אבער! וואלט ער א גראשען געבעטען,
וואלט עמיצער אפשר געשענקט.

יע, וואלט ער א קופערנעם גראשען געבעטען,
דערויף איז א טאש ביי זיי דא,
דאך ליבע פון הארצען—וואו זאלען זיי נעהמען?
דאס איז שוין ביי זיי לאנג ניטא!...

הערבסט־ניגון.

דער הימעל פערצארנט,
די ווינדען — זיי בלאזען;
וואו ביזטו, מיין ברודער,
פערגעסען, פערלאזען?

וואו ביזטו פערווארפען
אין וואס פאר א שטעדטעל? —
צו האסטו א דירה,
צו האסטו א בעטעל?

איך זעה אויפ'ן הימעל
די וואלקען זיי שוועבען —
און זעה איך זיי שוועבען —
דאן וויים איך דיין לעבען.

עס דרינגען די קלאנגען,
פון ווינד אין מיין אויער;
עס גיסט זיך מיר, ברודער,
אין הארצען דיין טרויער...

צו אָרימע יונגעלעך

שפּילט, יונגעלעך, שפּילט אײַך, פֿערגעסט אײַער נויט,
נאָר בעט בײַ די מאַמעס קיין שטיקעלע ברויט;
די מאַמעס זיי האָבען אין שטוב דאָרט גענוג,
ווער ס'לאַטעט, ווער ס'וואַשט דאָרט, ווער ס'זיצט בײַ דער וויעג.
שפּילט, יונגעלעך, שפּילט אײַך, אויף דרויסען איז פֿרײַ,
אָן — זעהט איהר, עס טראָגט זיך אַ פֿויגעל פֿערבײַ.
שפּילט, יונגעלעך, שפּילט אײַך, פֿערטשעפּעט נאָר ניט
דעם אַלטען רב בער'ען, וואָס געהט טריט בײַ טריט.
איהר זעהט זײַנע בליקען, ער קוקט אַזוי טריעב,
דאָס שפּיעל אײַערס שטעכט איהם, ער האָט עס ניט ליעב.
דאָס לעבען דאָס האַרטע האָט האַרט איהם געמאַכט —
אָ, יונגעלעך ליעבע, פֿאַר אײַך ניט געדאַכט!
שפּילט יונגעלעך, שפּילט! נאָר אָהן טומעל, אָהן האַסט,
נאָר שפּילט אײַך אַזוי, ווי פֿאַר אָרימע פּאַסט!
און שפּילט איהר אין פֿערדלעך, טאָ שמײַסט ניט דאָס פֿערד,
עס וועט איהם אײַן אמת'ער פֿערד זײַן בעשערט:
עס וועט איהם דאָס לעבען נאָך נעהמען אין שפּאַן,
אָ, שמײַסט איהם ניט, קינדער, אָ, שוינט איהם ביז דאַן!

סִינַאנִי, סָארֶערִיוֶועם, פִּינְסְקִי,
נָאמְבֶּערג.

צום „בונד“.

אין זאַלציגען ים פון די מענשליכע טרערען
געפינט זיך אַ שרעקליכער תהום;
ער קען שוין ניט טיעפער, ניט פינסטערער ווערען,
איהם צייכענט אַ בלוטיגער שטראָם...

דעם תהום האָבען טויזענדער יאָהרען געגראָבען
אמונה און שנאה און פיין,
און טויזענדער יאָהרען אַלץ טראָפען נאָך טראָפען
עס גיסען זיך טרערען דעריין.

און פול איז דער תהום... דאָס איז אידישע טרערען.
נאָר האָט ניט קיין טעות אין זיי:
אַ בלוטיגער טרער טהוט דעם קבצן געהערען,
דעם נגיד — אַ ווייסער ווי שניי.

נאָר אַייך בעלי־מלאכות, אביונים, קבצנים,
געהערט דאָך דער בלוטיגער תהום,
און אַייערע „ברידער“, די רייכע גזלנים,
געהערט נאָר פון אויבען דער שאָום.

שוין פול איז דער ים און פערפלייצט אַלע ברעגען.
וואו זענען די העלדען, די לייט,
די, וועלכע וועלען זיך מוטהיג ערוועגען
צו וואַרפען אין תהום זיך אין שטרייט?

דעם אַרבייטער וועט ער־זשע ענדליך ערלייזען
פון הונגער און אייביגע לייד?
און ווער וועט די וועג איהם צו פרייהייט בעווייזען
צו ברידערשאַפט, גלייכהייט און פרייד?

די גבירישע קינדער, משכילים, רבנים —
זיי רופען אין ציון דעם איד,
אַ ליעדעל אַנ׳אַלטע פון אונזערע שונאים:
„אַ געטאָ דעם עוויגען זשיד!“

זיי רופען אונז זוכען, די קאלטינקע מתים,
פון הייליגע קברים א לאנד,
און דאס, וואס עס ליידען און זיפצען „הקדושים“ —
צו דעם איז מען טויב ווי די וואנד!

משיח און יודענטהום — ביידע געשטארבען,
איין אנדער משיח קומט אן:
דער אידישער ארבייטער (גבירישער קרבן)
הויבט אויף שוין פון פרייהייט די פאהן.

דער העלד וועט די וועלט אי בעפרייען, אי היילען,
ער ט'גרייכען דעם תהום בי'ז'ן גרונד!
עס לעבע פון רוסלאנד, פון ליטא און פוילען
דער אידישער „ארבייטער-בונד“!

ז. סינאני.

דאס נייע וויעג-ליעד.

שלאף, מיין קינד, א טרייע מוטער
ביי דיין בעטעל שטעהט און וואכט.
וואקסטו אויס ביי מיר א גוטער
און א קלוגער — גאר א פראכט.

הייך און שטאלץ דעם קאפ דעם שעהנעם
און ארויס אין לעבען דרייסט!
בויגען — בויגסטו זיך ניט פאר קיינעם,
פריי די הענד און פריי דער גייסט.

וועסט אין קאמפף ניט שטעהן פון וויטען,
מוטהיג ווארפסט זיך אין געפעכט,
פאר דער פרייהייט וועסטו שטרייטען
און פאר אלץ, וואס גוט און רעכט.

דו וועסט זיעגען, דו, דער גוטער,
אט אין יענער גרויסער שלאכט...

שלאָף, מײַן קינד, אַ טרײַע מוטער
בײַ דײַן בעטעל שטעהט און וואַכט.

מ. סאָרעָריוועָס.

צום ערשטען מאַי.

וועמעס שטימע העָר איך קלינגען:
„נײַע ליעדער זאָל מען זינגען!
„אַלדאָס בײזע איז פערבײַ
„מיט דעם ווינטער קאַלטען, לאַנגען...
„רײַך אין פאַרבען, רײַך אין קלאַנגען,
„קומט צוגעהן דער ערשטער מאַי.

וועמעס שטימע העָר איך קלינגען:
„פרײַע ליעדער זאָל מען זינגען!
„ס'נעהמט אַ סוף די שקלאַפערײַ!
„לײַז די צוואַנגען, לײַז די קײַטען...
„העָל בעפוצט מיט פרישע קווײַטען,
„קומט צוגעהן דער ערשטער מאַי.

וועמעס שטימע העָר איך קלינגען:
„הויך און מונטער זאָל מען זינגען!
„זאָל זיך טראָגען פראַנק און פרײַ
„אונזער ליעד אין אַלע עקען...
„צו אַ נײַעם לעבען וועקען
„קומט צוגעהן דער ערשטער מאַי.

מ. סאָרעָריוועָס.

* * *

אָ, ליעבער מיר האָבען געשלאָסען
אויף לעבען און טויט אַ פערבאַנד.
מיר שטעהען אין שלאַכט ווי גענאָסען,
די פאָהנע די רויטע אין האַנד.

און טרעפט דיר אַ קויל, מײַן געטרײַער,
אַ קויל פון דעם שונא דעם הונד,

איך טראָג דיך אַרויס פון דעם פייער,
און היֵיל דיר מיט קושען דיין וואונד.

און ביזטו געפאַלען א טויטער,
די אויגען די ליעבע פערמאַכט,
איך וויקעל דיך איין אין די פאָהנע די רויטע
און שטאַרב אויך אין בלוטיגען שטרייט.

מ. סאָרעריוועס.

דער עגל הזהב.

(נאָך היינע)

פלייטען, שופרות, פויקען, פידעל,
שפּיעלען צו צום אָבגאָט-ליעדעל;
און עס טאַנצען יעקב׳ס טעכטער
אום דעם עגל רום- און- רום—
בים-באָם-בום —
פויקען-קלעפּ און גרויס געלעכטער!

* * *

ס׳קלייד פערקאַשערט ביז די לענד,
האַלטענדיג זיך פאַר די הענד,
עדלע בתולות — יחוס עלטער —
פליהען ווי אַ שטאַרקער ווינד
אום דאָס רינד —
פויקען-קלעפּ און גרויס געלעכטער!

* * *

אַהרן זעלבסט ווערט נאָר איינגאַנצען
שטאַרק פערכאַפּט פון׳ם ווילדען טאַנצען,
און ער זעלבסט, דער גלויבענס-וועכטער,
טאַנצט אין כהן-גדל׳ס ראָק
ווי אַ באָק —
פויקען-קלעפּ און גרויס געלעכטער!

ד. פינסקי.

* * *

נו, קום שוין, פֿערלאָז שוין דיין צוּלטהויז,
גענעפֿאַנגענעם קינד!
איך אייל אין מיין וועג, דאָך בעפֿרייען
דיך וויל איך אַצונד.

קורץ איז מיין לעבען! ווי אַ שאָטען
פֿערשווינדען די טעג;
און יאָהרען פֿערפֿליהען ווי וואָלקען,—
און ווייט איז מיין וועג.

און וויסט און מיט דערנער בעוואַקסען...
דאָך שרעק דיך ניט — קום!
און וויקעל די הענדעלעך דיינע
אָן האַלז מיר אַרום!

איך טראָג דיך מיט אָפֿענע אויגען,
מיט מעלטיגע הענד,
וואָס ברעכען, ווי שאַרבען, די ריזיגע
מויערען און ווענד.

עס טרינקט זיך און זינקט דיין נשמה
אין קאָמפֿאָרט, אין פּוץ!
נישט דאָ איז דיין אָרט, וואו עס בלאַנקט
און עס שפּיגעלט דער שמוץ.

נישט דאָ איז דיין אָרט! אָ, דו האָסט נאָר
פֿערבלאָנזשעט צו זיי!
נו, קום שוין, און זאָל שוין דיין ברוסט
בעוועגען זיך פֿריי!

ה. ד. נאָמבערג.

רויזענבלאט, עדעלשטאדט, פרוג.

* נאַטור און מענש.

ווי זאָל איך, ברידער, פֿרעהליך זינגען,
ווען האַס און קריעג איז איבעראַל?
עס שיינט מיר טיעפֿע שמערצען קלינגען
אויך אין דעם ליעד דער נאַכטיגאַל!

עס שיינט מיר, אַז דער מאָנד און שטערן,
די זילבערווייסע ליליענבלום
זענ'ן פֿול מיט הייסע מענשענטרערן
און זענ'ן פֿון שרעקען בלאַס און שטום...

ווען מענשען ליידען, קלאָגען, זאָרגען,
קען די נאַטור דען פֿרעהליך זיין?
ניין, טרערען בלוטיגע פֿערבאָרגען
זענ'ן אין איהר רויטען זונענשיין!

די זעהט, ווי איהרע מענשענקינדער
האָבען פֿערוויסט די שעהנע וועלט,
און איהרע ליעבלינגע ווי רינדער
ווערען געשעכט, פֿערקויפֿט פֿאַר געלד...

און די נאַטור גיסט פֿערעלטרערן
און מיט איהר וויינט דער בלומענטאַל;
עס וויינען זאָהנע, מאָנד און שטערן,
און טרויעריג קלאָגט די נאַכטיגאַל...

עס קלינגען אָב די שמערצען-ליעדער
אין ברוסט פֿון ליידענדען פֿאָעט,
און פֿאַר דער מענשהייט קניעט ער ניעדער
מיט הייסע טרערען און געבעט. —

אָה, מענש! פאַר ליעבע, גליק און לעבען
איז די נאַטור, די וועלט געשאַפט;
דיר איז אַ פרייע ערד געגעבען —
דאָך איצט איז ערד און מענש פערשקלאַפט!

ווער זיינע ברידער קען פערשקלאַפען,
פערגיסען בלוט — דער איז אַ העלד.

ד. עדעלשטאַדט.

די פאָהן.

ניט פון גאָלד-שטאָף, ניט פון זיידענס
איז די פאָהן געמאַכט:
אין אַ שרעקליכען געוויטער,
אין אַ שטורם-נאַכט

האָט געוועבט דאָס אַלטע שפּינראָד
און די בלייכע נויט,
אין אַ פייכטען קעלער-ווינקעל,
ביי אַ הלב-קנויט,

האָט געוועבט די גרויע פאָדים
ריין און שטייף און גוט,
און געפאַרבט זיי מיט די לעצטע
טראָפּען אייגען בלוט.

אַלע וועהטאָגען און ליידען,
יעדע פרישע וואונד
פון די טיעפע תפיסה-גריבער,
פונ'ם שוואַרצען גרונד,

פון די הונגעריגע דערפער,
פון די דושנע שטעדט,
וואו עס איז פערבלענדט דאָס לעבען
ווי פון הינערפלעט;

אַלע וועהטאָגען און ליידען,
אַלץ, וואָס יאָהרען-לאַנג

האָט פערניפּטעט איהר נשמה,
ווי די בייזע שלאַנג,

אַלץ, מיט וואָס געדריקט איהר לעבען
האָט די טיראַניי
אין געמיטה איהר גאַל געגאָסען
און אין האַרצען בליי —

האָט די פאָלקסנויט אין די רויטע
פּאָדים איינגעוועבט...
זעהסט? די פּאָהן — זי וועהט, זי פלאַטערט
און צום הימעל שטרעבט,

און די שאָטענס ווערען בלייכער,
און עס קרעהט דער האָהן —
און עס שיינט דער מאָרגענשטערען
אויף דער רויטער פּאָהן!...

ש. פרוג.

ש. הורוויץ, ד. קאסעל, י. אלפעראוויטש.

די נייטערקעס.

אין א קליינעם שטיבעלע,
ביי א לאנגען טיש,
זיצען דארט מיידעלעך
דרעהען מיט די פיס.

דרעהען די מאשינדעלעך
פון דער פריה ביז נאכט,
און אזוי ווערט טוצענווייז
העמדעלעך געמאכט,

העמדעלעך איהר ווייסינקע,
זאגט, וואס זענט איהר נאס?
מיידעלעך, איהר שעהנינקע,
זאגט, וואס זענט איהר בלאס?

העמדעלעך און מיידעלעך
רעדען נישט קיין ווארט,
אויסער די מאשינדעלעך
הודזשען אימער פארט.

דושנע איז אין שטיבעלע,
אונערטרעגליך היים;
פון די ארמע נעהטערקעס
גיסט זיך טייכען שווייס.

* * *

און ניט וויים פון שטיבעלע,
אונטער שטעדטעל באלד,
לויפט א פרישעס וועסעריל,
שטעהט א גרינער וואלד.

און אין גרינעם וועלדעלע

שפּיעלט דער שעהנער מאי,
בלאָזט אַ פרישעס ווינטעלע,
פליהט אַרומעט פריי.

דאָרטען בליהען בלימעלעך,
בלומען אַלערליי,
פליגעלעך פיעל גאָלדענע
שושקען זיך מיט זיי;

אין די צווייגען פויגעלעך
זינגען צוקער=זיס,
און דאָס פרישע וועסעריל
פלעסקעט אונטער׳ן פיס;

און דאָס קיהלע ווינטעלע
לויפט זיך פריי אַרום;
שפּיעלט זיך מיט׳ן וועסעריל,
שפּיעלט מיט יעדער בלום.

שטיפט מיט אַלע פויגעלעך,
פליגעלעך אין גראָז:
דעם אַ גלעט דאָס קעפּעלע,
דעם גיט עס אַ בלאָז.

* * *

פּלוצלונג ווערט דעם ווינטעלע
אומעטיג אין וואַלד
און אַהין צום שטיבעלע
לויפט עס אונטער באַלד.

גנב׳עט זיך אין לעכעלע
שנעל אַריין פון לאָד
רוימט אַיין יעדער מיידעלע
שטילערהייט אַ סוד:

מיידעלע דו בלייכינקע,
מיידעלע דו מיין!
טאָג און נאַכט דו האָרעוועסט,
האָרעוועסט אין פּיין,

טאָג און נאַכט אין קלעמעניש —
ווי ווערט דיר ניט מיאוס?
לאָז צורוה די העטעלעך,
לאָז צורוה די פּיס.

וואַרף אַוועק די העמדעלעך,
בּראָשע די מאַשין!
דאָרט אין גרינעם וועלדעלע
קום מיט מיר אַ הין...

דאָרט אין גרינעם וועלדעלע
בּליהט דער שעהנער מאַי,
שפּיעלט און לאַכט די זונעלע
ליעבּליך און געטריי.

דאָרטען חעט דיין אויגעלע
שטראַהלען מיט אַ גלאַנץ,
דיינע מאַטע פּיסעלעך
הויבּען זיך צום טאַנץ.

קום זשע פּיינע מיידעלע,
קום מיט מיר בּיינאַנד,
אין מיין שעהנם קעניגרייך,
אין מיין שעהנעם לאַנד...

* * *

„ווינטעלע, דו ליעבּינקער,
ווינטעלע, דו קלעק,
ענטפערן די מיידעלעך,
געה פון אונז אַוועק,

לאָזען די מאַשינדעלעך
טאָרען מיר נישט, ניין,
און מיט דיר אין וועלדעלע
קענען מיר נישט געהן.

ניט פאַר אונז, אוי נעהטערקעס,
בּליהט דער שעהנער מאַי,
נאָר אין אונזער לעצטער שעה
ווערען מיר ערשט פריי.

זעהסט דאָרט — אויפ'ן פּאַליצע
ליגט פאַר אונז אַ באַרג,
און די בעל־הבית'טעצקע
שטעהט אונז איבער קאַרק,

געה זשע דיר אין וועלדעלע
געה פון אונז אַוועק,
ווינטעלע, דו ליעבינקער,
ווינטעלע, דו קלעק".

און פערקלעמט, און צאָרענדיג
לויפט אַרוים געשווינד
דורך'ן לאָך פון לעדעלע
זיפצענדיג דער ווינד.

דושנער ווערט אין שטיבעלע,
שטיל, מען הערט קיין וואָרט:
אויסער די מאַשינדעלעך
הודזשען אימער פאָרט...

ש. הורוויץ.

זשאַמעלע.

(נאָך נעקראַסאָוו'ס „קאַליסטראַטושקא").

„דו וועסט זיין אַ גביר, מיין זשאַמעלע", —
פלעגט מיר זינגען ביי מיין וויעגעלע
אַלע נאַכט אַ מאָל די מאַמעלע,
איך געדענק נאָך היינט איהר ניג'עלע.

און מקוים איז געוואָרען מיר
די הבטחה פון מיין מאַמעלע:
שווער צו קריגען אַזאַ גרויסען גביר,
אַזאַנ'עושר ווי איהר זשאַמעלע.

שלאָפען — שלאָף איך אויף אַ קערבעלע,
מאַך „המוציא" אויף אַ סקאָרינקע

און „לחיים“ אויף אַ שערבעלע
פול מיט ברונעם-וואַסער קלאָרינקע.

און די קינדערלאַך און ס'ווייַבעלע
גערען אויסגעפוצט אַנטיקעלע:
דורך אין אַנעטשקעס דאָס לייַבעלע
און פערנאַרטעלט מיט אַ שטריקעלע...

ש. הורוויץ.

שטורעם-מאָטיוועו

I.

שטורמיש פליסט אין גאַס דאָס לעבען,
ווי עס וואָלט אַ ים זיך טראָגען...
איך זיץ אָבער אונטער גראַטעס,
הער די קייטען, ווי זיי קלאָגען...

שטראַהלען שיקט די זון אין דרויסען
און דער הימעל איז אַ בלויער,
און עס נעהמט מיך אַ געפיהל דורך,
אַ געפיהל פון קנאה, טרויער...

אַך, די גראַטעס ווילט זיך ברעכען
און צושמעטערן דעם קבר!
לויפען פריי אין פרייען לעבען,
וואו ס'בעוועגט זיך יעדער אבר!...

II.

יעדער טאָג פערגעהט, ווי נעכטען,
ענליך איינער אָן דעם צווייטען,
און מיר געהען הין און צוריק אום,
און די שאָטענס אונז בעגלייטען...

עלענד קלינגט דער טריט אַב יעדענס
אין דעם קאַלטען, וויסטען חדר,

וואו די אייזען־שווערע גראטע
ווארפט אנ׳אומעט און א שוידער.

מ׳האט פון לעבען אונז פערשלאסען,
וואו דאס בלוט פלעגט זידען, קאכען!
און ווי גרויע שטארע פויגעל,
שוועבען אונז די טעג און וואכען...

.III

שטעהט אויף! עס שיינט די זון אין דרויסען,
די ערד איז דורך מיט גאלד בעגילט,
און פויגעל זינגען פרייע לידער,
מיט פרייד, מיט לעבען איבערפילט...

שטעהט אויף! עס רופען אונז די שטראהלען,
און אויפגעעפענט איז דער שלאס!
קומט, זעהט, אט דארטען וויגט א בוים זיך,
עס טראגט א ריח זיך פון גראז...

א, לאמיר לויפען אויף די פעלדער,
עס איז דאך זומער, זומער איצט!
און ריין, אהן וואלקענס איז דער הימעל,
וואס רופט אין גאס, וואס לאכט און בליצט...

דוד קאסעל.

אויף א קבר.

ביזט געשטארבען פאר׳ן אמת,
דאס האט קיינער נישט פערשטאנען.
נישט פערשטאנען אויך דיין לעבען
און דעם זין פון דיינע פלאנען.

ס׳זענען מענשען נאר געגאנגען —
שוין א קאלטען און א טויטען
אין א מטה, אין א שטהנער —
צו דעם קבר דיך בעגלייטען.

אויפ'ן קבֿר האָבען מענשען
הייסע רעדעס לאַנג געהאַלטען.
רעדעס... דו ביזט שוין געלעגען
טיעף בעגראָבען און בעהאַלטען...

ערנסט זענען זיך צוגאַנגען
אַלע רעדנער, אַלע וויינער,
נאָר אין גרוב ווער איז פֿערבליבען?
דאָס פֿערשטעהט פֿון זיי נישט קיינער!...

דוד קאַסעל.

אויפ'ן קבֿר.

געווידמעט דעם אַנדענק פֿון מיין מוטער).

אָט אָקאָרשט פֿון קאַמפּפּס־פֿעלד, בענאָסען מיט בלוט,
בין איך צו דיין קבֿר געקומען.
איך האָב ניט קיין בלומען־קראַנץ מיט זיך געבראַכֿט,—
איך האָב נאָר מיין שווערד מיטגענומען!
דו ליגסט אין דיין קבֿר—און חלומ'סט, און טרוימסט
אַ חלום — אַ טיעפֿען, אַ שטומען..
און ווייסט ניט, וואָס איז מיט דיין עלענדען קינד —
מיט מיר — ביז אַהער פֿאָרגעקומען...
דיין תורה פֿערוואָרפֿען, פֿערשלייַדערט גאַנץ ווייַט!—
אָ, זיי מיר יעצט מוחל אָהן צאָרן!—
דו האָסט מיך געלערנט טיעף גלויבען אין אַליץ,—
און איך האָב ד'אמונה פֿערלאָרען!...
איך גלויב ניט אין קיינעם,—איך גלויב נאָר אין מיר!
מיין גאָט—איז מיין קראַפֿט און געוויסען...
די לוחות די אַלטע — צובראָכֿען מיט האַס,
די ספֿרים די טויטע — צוריסען...
אַליץ האָב איך פֿערוואָרפֿען!... אַ בלאַנקענדע שווערד
איז מיר נאָך דיין תורה געבליבען!...
כֿ'האָב העלדיש געקעמפּפֿט מיט דער פֿינסטערער מאַכֿט,
דאָס בייזע און שלעכֿטע געטריבען!...

. . . .

און גלייך פון דעם שלאַכט־פעלד, בענאָסען מיט בלוט,
בין איך צו דיין קבר געקומען!
איך האָב ניט קיין בלומען־קראַנץ מיט זיך געבראַכט,—
איך האָב נאָר מיין שווערד מיטגענומען...

י. אַלפּעראָוויטש.

אין תפיסה.

אויף יענעם ראַנד הימעל
גערט אויף די לבנה...
עס שווימען אום וואָלקען
אַרום און אַרום...
און בלאַס איז איהר צורה,
און שוואַך איז דאָס שיינונג,—
פערטרויערט און מוטהלאָז,
און עלענד, און שטום...

. . . .

עס גליטשען זיך קאַלטע
און הילפלאָזע שטראַהלען
אַראָב אויף די גראַטעס
און פאַלען אָהן מאַכט....
העט־וויט קרעכצט אַ פויגעל,
עס וואָיועט דאָס ווינטעל...
עס רוקט זיך אַ פינסטערע,
טרויריגע נאַכט...

עס וואַכט אויף דער טרויער,
איך קען ניט איינשלאָפען...
עס לעבען אויף בילדער
פון נאָהענט און וויט...

. . . .

צוריק צו דעם לעבען!...

אַרויס פון דער תּפיסה —
אַהין, וואו עס זידט יעצט
און ס'פלאַקערט דער שטרייט!...

י. אַלפּעראָוויטש.

אין פאַבריק.

טיק-טאַק!... און עס קלאַפּען די פרעמדע מאַשינען...
די פלייצעס געהאַרבעט... די הענד
צוזוועהטאַגט, צוואונדעט... אין פאַבריק איז פינסטער
און שטיקענד, פערשימעלט די ווענד...
טיק-טאַק!... און עס קריכען לאַנגווייליג די שטונדען
און שלעפּעריג געהען די טעג;
און שלעפען מיט הונגער און מאַנגעל, און דחקות,
און צרות — אַ ים אָהן אַ ברעג...
טיק-טאַק!... און עס רוישען די רעדער און קלאַפּען
און ווערען אַ רגע נישט מיעד...
די נויט אין אַ ווינקעל זיצט איינזאַם בעהאַלטען
און ציהט זיך איהר אייביגע ליעד:
„טיק-טאַק!... צוליעב פרעמדע אַ לעבען אין צרות
האָסטו, ווילדער קנעכט, נור פערבראַכט!
און קומסטו אין קעלער — געפינסטו די קינדער
צוקרענקטע, פון הונגער פערשמאַכט!...
„—טיק-טאַק!... אָהן אַ צייט ביזט פערעלטערט געוואָרען,
קיין רוה נישט געוואוסט אַ מינוט!
געאַרבייט אויף פרעמדע... טיראַנען, פּיאַווקעס —
זיי האָבען געזויגען דיין בלוט...
„—טיק-טאַק!.. נור פאַר פרעמדע געשאַפט האָסטו רייכטום
פאַר זיך אָבער — הונגער און נויט...
פאַר פרעמדע'—אַ לעבען אין פריידען, אין נחת,
פאַר זיך—אַ פריהצייטיגען טויט!..“

. . . .

טיק-טאַק!..און עס קלאַפּען די פרעמדע מאַשינען,
עס רוישען די רעדער אָהן סוף...
און טרויעריג ציהט זיך אַ לעבען אין דחקות,
אַ לעבען אָהן שפּייז און אָהן שלאָף...

י. אַלפּעראָוויטש.

פערשיעדענע.

דער שמיעד.

...און צייטענווייז שטעה איך מיר מיעד ביי דער אַרבייט,
דער האַמער, ער געהט גאָר פון האַנד ניט אַרויס,
די פונקען, זיי שפריצען, ווי שטערען, וואָס פאַלען,
דער רויך אַ געדיכטער, די היץ זעהר גרויס.
דאַן שפּיעלט זיך פאַנאַנדער ביי מיר די פאַנטאַזיע:
איך זעה ביי דער טיר, דוכט זיך, שטעהט אַפּאָלאָן,
דער אָרימער גאָט, וואָס פערמאָגט קוים אַ לירע,
און הערט, ווי עס זינגט זיך מיין האַמער: גלין-גלאָן!
אַ גאָלדענע לירע מיט זילבערנע סטרונעס...
—אָ, מעכטיגער גאָט, פאַר מיין בענקענדעס האַרץ
אַ ליעדעלע אויסזינגען לאָז מיך אַצונד!
—„די פינגער ביי דיר זענען גראָבע און שוואַרץ,
ווי קענסטו, זאָג, ריהרען די זילבערנע סטרונעס"?...
מיט דעם ווערט פערשוואונדען פון מיר אַפּאָלאָן—
צו זוכען, אַ פּנים, פיעל ווייסערע פינגער...
דער האַמער, ער זינגט אַליץ: גלין-גלאָן און גלין-גלאָן!

עס שפּריצען די פונקען, ווי שטערען, וואָס פאַלען,
דאָס אייזען, דאָס האַרטע ווערט ווייך אין מיין האַנד...
גלין-גלאָן! זינגט דער האַמער זיין שטענדיגעס ליעדעל.
אַ בלאַסינקען אינגעלע זעה איך ביים וואַנד,
אין הענטעלע האַלט ער אַ קינדערשען ביקסעל...
צו דיר ציהט מיין האַרץ, ליעבער גאָט-קופּידאָן!
שוין לאַנג, אַז עס רייסט זיך און בענקט אָהן אַן-אויפהער.
מיין האַמער זינגט אַליץ זיין „גלין-גלאָן" און „גלין-גלאָן!"
ער האָט זיך געציעלט אין ברוסט מיר צוטרעפען,
צערייסען, צערפליקען מיין האַרץ... אָבער ניין:
דאָס ביטערע לעבען האָט מיר ניט געשאָנקען
פון ליעבע די רויזען — נאָר דערנער אַליין!...
„גלין-גלאָן!" זינגט דער האַמער מיט אייזערנע כּוחות,

דער רויך דער געדיכטער איז שטיקענד און שווארץ;
אוועק איז דער גאט מיט'ן ביקסעל צו זוכען,
א פנים, אין רייכע פאלאצען א הארץ...

עס שפריצען די פונקען, די רענדלעך פון פייער!
עס ארבייט זיך פלייסיג, עס ארבייט זיך דרייסט,
דאס בענקענדע הארץ ווערט א ווייטע ניט שטילער;
וואס בענקט עס, וואס וויל עס—וואס וויל עס, ווער ווייס?
עס שפיעלט זיך פאנאנדער ביי מיר די פאנטאזיע:
איך זעה אין א גאלדענער קרוין גאט=מאמאן,
ער צעהלט זיינע רענדלעך, ער רייצט מיך מיט זיי...
מיין האמער, ער ענטפערט איהם אלץ זיין „גלין=גלאן!“
גלין=גלאן! זינגט מיין האמער זיין שטענדיגעם ליעדעל:
איך קען נור דורך פראצע פערדינען דיר ברויט,
דורך פראצע, דורך שוויים און דורך שטענדיגע ארבייט
און אויך ניט צוזאט נאך... א ביסעל אין נויט!
מאמאן איז אוועק מיט א פינסטערען פנים,
געקלונגען האט ער מיט די רענדעלעך שטיל,
צו זוכען מסתמא אנ'אנדער ארט מענשען,
אנ'אנדער כאראקטער, אנ'אנדער געפיהל...

גלין=גלאן! זינגט דער האמער אנ'אייזערנעם ליעדעל...
ווער קען דאס פערשטעהן יעדען קלאפ, יעדען קלונג,
דאס ליעד, וואס ס'זינגט זיך דורך פונקען און פייער,
א ליעד, וואס עס זינגט זי אנ'אייזערנע צונג!...

א. ל. באראן.

מעדליך.

אויפ'ן וועג פון זומער=גארטען
ווארטען שטענדיג מעדליך צוויי,
קיין זאך יאגט זיי ניט פון דארטען,
ניט קיין רעגען, ניט קיין שניי.

—זאָג מיר, שוועסטער, אָרימע, בלאַסע,
וואָס האָט אײך אַהער געבראַכט?
הונגער, דלות, קעלערס נאַסע,
אָדער גאָר אַנ'אַנדער מאַכט?

„מיך דער דלות און דער הונגער",
ענטפערט איינע טרויעריג שווער;
„מיך—אַ ליבער מענש, אַ יונגער"
ווײַזט די צווייטע אָן: אַהער...

„פּײַנד האָט ער מיך נור דעריבער,
ווײַל איך בין געוואָרען אַלט;
איצטער—קום! זײַ דו דער ליבער..
קאַלט איז מיר, אָ, זעהר קאַלט!"

אויפ'ן וועג פון זומער גאָרטען
געהען מעדליך פיעל אַרום,
בלוט פון הארצען גיסט זיך דאָרטען,
פון די ליפען הערט מען: קום:

א. ל. באראַן.

דער וואולקאַן.

פערזונקען אין שטיינערנעם, אייז=קאַלטען שלאָף
פון אייביגע דורות און יאָהרען,
איז איינזאַם געשטאַנען דער ריעזיגער באַרג
אָהן לעבען, אָהן הארץ—און געפראָרען...

איהם האָט ניט געוואַרעמט די ליעבליכע זון,
קיין שטראַהל איז צו איהם ניט דערגאַנגען
דער פינסטערער נעבעל, דער פײַכטער אַרום
האָט פעסט איהם געהאַלטען געפאַנגען,

געדריקט האָט איהם אויבען דער שניי אויפ'ן קאָפּ,
געוואָרגען דער אָטהעם אין הארצען,
און אונטען אַרום ניט געוואַקסען קיין גראָז,
אַליץ וויסט און פערוויקעלט אין שוואַרצען...

אַזוי איז געשטאַנען דער ריעזיגער באַרג,
אָהן לעבען, געפיהל און אָהן צאָרען,
מיט מעכטיגע אַרעמס פערשפרייטע — נאָר טויט,
אינמיטען בעוועגונג — פערפראָרען...

נאָר האָט ערוועקט זיך אין איהם עפּעס־וואָס.
און ער האָט געגעבען אַ ציטער...
דערהערט האָט זיך פּלוצים אַ שרעקליכער קראַך,
געבּרויזט האָט אַ ווילדעס געוויטער,

דער אייביג פערגליווערטער אָטהעם אין ברוסט,
וואָס האָט זיך צום הימעל געריסען,
האָט ענדליך גענומען פון גרויזאַמען שטײַג
מיט שטײַנערנע פײַערען פליסען...

און אַלעס אַרום איז געוואָרען פערפלייצט
מיט שרעקליכע בלוטיגע פלאַמען,
און באַלד איז פערשוואונדען דאָס אייז און די קעלט,
די פינסטערניש — אַלעס צוזאַמען...

און דונערען האָט עס גענומען אַ שרעק,
און טרייסלען די ערד און דעם הימעל,
ס'דוכט זיך, ער רופט צו נקמה די וועלט,
פאַר'ן אייביגען טויטליכען דרימעל...

און ס'האָט זיך ערוועקט אין איהם קרעפטען אַ קוואַל,
און וואַקסען און שפּראָצען גענומען,
בעקליידעט האָט ער זיך מיט מעכטיגען וואַלד,
מיט בליהענדע ליעבליכע בלומען...

אליהו גאָלוב.

אין שטורעם.

איך פיהל שוין דעם שטורם, איך פיהל שוין זײַן אָטהעם,
איך זעה שוין, ער קומט אָן מיט יעדער מינוט
איך זעה שוין זײַן צאָרען, זײַן גרויזאַמע גבורה,
זײַן ווילדען גערודער, זײַן מאַכט און זײַן וואוטה!..

עס האָט זיך פֿערצויגען דער הימעל מיט וואָלקענס
און ס'האָט זיך פֿערברייטערט די פֿינסטערע מאַכט,
און לעבען און ליכט איז געוואָרען פֿערשוואונדען,
בעהערשט איבעראַל האָט די שרעקליכע נאַכט...
פֿון פֿינסטערע אָבגרינדען זענען די וואָלקענס,
ווי פֿינסטערע פֿעלזען, אַרויס מיט אַ קראַפֿט,
און האָבען בעדריקט מיט די שטיינערנע אָרעמס
די ערד און דעם הימעל, און אַלעס פֿערשקלאַפֿט...
און אַלעס אַרום איז געוואָרען דערוואָרגען,
קיין פֿרייע בעוועגונג פֿון בלאַט אויפֿ'ן בוים...
און שרעקליך און גרויזאַם מיט פֿינסטערע אויגען
דאָרט קוקען די וואָלקענס פֿון הימעלשען רוים,
און טויזענדער פֿינסטערע תהומישע מײַלער
אָט, דוכט זיך, זיי ווילען דערשלינגען די וועלט.
אָט רײַסט זיך אַ בייזער, אַ פֿינסטערער וואָלקען
און פֿליהט צו דער ערד, שוין דער גרויזאַמער העלד.

נאָר פּלוצלונג ערוועקט זיך אַ לאַנגזאַמעס ווינטעל
און, דוכט זיך, עס פֿליהט דורך די וועלט גאָר בערוהט,
נור אָט איז דער שטורם, זײַן שרעקליכע הערשאַפֿט
זײַן ריזיגער צאָרן, זײַן העלדישער מוט!
צעהנטויזענדער קרעפֿטען, צעהנטויזענדער ריזען
ערוועקען אַ וועלטליכען גרויזאַמען שטרײַט:
עס שטרײַטען די וואָלקענס, עס שטרײַטען די הימלען,
עס טומעלט און רעש'ט פֿון נאָהענט און ווײַט...
און ווינטען ווי שדים, מיט מעכטיגע קרעפֿטען
פֿון טויזענדער געגענדען פֿליהען אין שטראָם,
עס דוכט זיך, זיי נעהמען די ערד און צוטרייסלען
פֿערשלײַדערען ווײַט אין אייביגען תהום...
דער וואַלד, אַ דערשראָקענער, ציטערט און פֿלאַטערט
עס פֿליהען די בוימער, ניט ווי'סענדיג וואו,
עס מישט זיך צוזאַמען די ערד און דער הימעל,
עס וואַרפֿט און עס טרייסעלט,—קיין אָבהאַלט, קיין רוה...

און ס'וואַרפֿען זיך בערגיגע וואָלקענס אויף וואָלקענס,
און פֿליהען און שפּרינגען משוגע און ווילד,
עס הויפֿען זיך טורעמס מיט טויזענדער שפּיצען

און ווערען צוקלאַפּט אין אַ שרעקליכען בילד...
און ס'קראַכען די דונערען, ס'פלאַמען די בליצען,
און ס'גיסען זיך קולות און פייער אַ ים,
אָט דוכט זיך די פינסטערניש שלינגט שוין איין אַלעס
און פלוצלונג צורייסט זיך אַ העלישער פלאַם...
ס'האָט זיך געעפענט אין הימעל די קוואַלען
און ס'גיסען זיך ימים אַראָפּ מיט אַ מאָל, —
די ערד און דער הימעל — געוואָרען איז אַלעס
נאָר שרעקליכע טייכען, נור ימים אָהן צאָהל.
און פלוצלונג אַ פייער, אַ שרעקליכער פייער,
פערפלייצט האָט דעם הימעל אַרום און אַרום —
צי ווערט שוין דער הימעל פערברענט גאָר אין גאַנצען? —
עס האָט זיך בעוויזען די ליכטיגע זון!...

די זון האָט די וואָלקענס אויף שטיקער צוריסען
און ס'האָט זיך דער רוהיגער הימעל בעוויזען;
און ימים פון ליכטיקייט טראָגען זיך, פליסען,
און ס'בלאַנקען די שטראַלען אין זיי, ווי די שפּיזען,

און ס'זענען צוריסען די וואָלקענס אויף שטיקער,
און שווימען אום טויטע, דערשלאָגען פון שטרייטען.
אָט בלאָנדזשעט נאָך דאָרטען אַ וואָלקען אַ דיקער
און ווערט באַלד צוטריבען אין הונדערטער זייטען...

און ס'שמייכעלט דער שטילער, אַלבאַסטערנער הימעל
און שפּיגעלט מיט זאַנפטע און רוהיגע פאַרבען.
עס שווימען זיך לאַנגזאַם, פערצויבערט אין דרימעל
די קלייניגקע וואָלקענס, די זילבערנע נאַרבען.

און ס'הערשט איבעראַל נאָר אַ רוה, פערגעניגען
די ליכטיגע זון און די גאָלדערנע שטראַהלען,
עס קלינגען די גליקליכע ליעדער פון זיעגען,
עס שלאָגען פון פריידען די גליקליכע קוואַלען...

צוריסען די וואָלקענס, די פינסטערע העלדען,

צושמעטערט אויף אייביג דעם פינסטערען טורעם,
געזיעגט האט די זון און די ליכטיגע וועלטען
פערניכטעט די דריקונג, פערניכטעט אין שטורם.

אליהו גאלוב.

ליעד פון קנעכטשאפט.

...און איהר האט געשאטען צושטויסענעם גלאז
אין יעדערען ביס פון מיין טרוקענעם ברויט:
און אויפגעבליהט האט ווי א גיפטיגע גראז,
אין תהום פון מיין הארצען דער ביטערער טויט.
איך טראג איהם, דעם טייערען, ווילדען געדאנק,
געוועבט פון מיין בלוט, פון מיין אייגענעם ביין,
ער ליעגט דארט פערבארגען אין אייזערנעם שראנק,
אזוי ווי א שלאנג, איז ער גיפטיג און שעהן...

און ווען איהר צורייסען מיין הארצען אויף שטיק,
וועט איהר דעם געדאנק ניט בעקומען צוריק!

וועט דרינגען צו אייך אין דעם שטילען געצעלט:
ער וועט אייך פערסמ'ען דעם זיסען געטראנק
און וועט אייך צוטרייסלען דאס הארץ פון דער וועלט!
...דער ווילדער, דער ליעבער, דער ריעזען-געדאנק

משה טייטש.

תְּפִלַת שַׁחֲרִית.

טויטע ריעזען, — הויכע קוימענס
יאָגען שווארצע וואָלקענס רויך,
אָכצען, קרעכצען, שרייען קולות,
שפּייען פייער אין דער הויך...

רעדער רוישען, האמערס קלאַפּען,
דאַמפּפער פייפען איבעראל...
תּפילה טוט עס, — תּפילת־שחרית —
צו זיין גאָט דאס קאפּיטאל.

און זיין גאָט איז די מטבע,
— ס'איז א גאָט אָהן שום רחמנות, —
די רעגירונג איז זיין כהן
און די אַרבייטער — קרבנות...

ר. קרוב.

צום שְׁלַאכְט.

דער הימעל ווערט ציכטיג, אין מזרח איז ליכטיג,
ס'ווערט בלייכער די פינסטערע נאכט...
איך הער שוין דאך ווידער די רופענדע ליעדער,
עס פויקען טראָמפּעטען צום שלאַכט!

פערוויקעלט, פערבונדען די ברענענדע וואונדען,
בעוואָפענט, געזעצט אויף דעם פערד...
איך פליה אויף מלחמה, איך דורשט נאך נקמה,
אין הארצען איז גלויבען, אין האנד איז מיין שווערד.

און זעה נאך דאָרט ווייטער: עס זאמלען זיך רייטער,
פון אלע פיער עקען געשווינד.
עס הויבט אָן צו טאָגען, עס לויפען, עס יאָגען
די וואָלקען פון טרייבענדעם ווינד.

אלטשולער.

דער לעטישער ארבייטער-מארש.

(איבערזעצט פון לעטישען.)

ווער בראנעוועט און פיטערט?
ווער אקערט און ווער זייהט?
ווער גראבט אין שאכט די קויהלען?
ווער האמערט, שפינט און נעהט?
ווער שאפט דעם רייכען אלעס גוטס,
און האט קיין ברויט קיין מאל צוזאט?
דאס אלעס איז דער ארבייטס-מאן,) 2 מאל
דער פראלעטאריאט! (

ווער הארעוועט טאג-טעגליך?
פארגיסט זיין שווייס און בלוט?
ווער שאפט מיליאנען אוצרות,
פאר דעם, וואס גארנישט טהוט?
אויף וועמען רוהט די גאנצע וועלט?
ווער האט קיין רעכט קיין מאל געהאט?
דאס אלעס איז דער ארבייטס-מאן,) 2 מאל
דער פראלעטאריאט! (

ווער איז פאר די טיראנען
געוועזן א שטיצע לאנג?
ווער האט זיין בלוט פערגאסען,
און זעלבסט געוועזן אין צוואנג?
ווער האט אליין געשמידט זיין קייט?
ווער איז געוועזן זיין אייגענער קאט?
דאס אלעס איז דער ארבייטס-מאן,) 2 מאל
דער פראלעטאריאט! (

ווער האט זיך אויפגעהויבען?
ווער וויל מעהר זיין קיין קנעכט?
ווער קעמפפט יעצט שטאלץ און מוטהיג
פאר פרייהייט און פאר רעכט?

אויף וועמענס זייט וועט זיין דער זיג?
ווער קעמפפט מיט ווארט, מיט גייסט, מיט טהאט?
דאס אלעס איז דער ארבייטס-מאן,) 2 מאל
דער פראלעטאריאט!)

ליליפוט.

דער ערשטער מאי.

היינט רוהט די וועלט... קיין שוך, קיין קלייד,
ווערט ערגעץ ניט געשטעפט, גענעהט,
די שפין- פאבריק איז היינט פערמאכט,
די טאטשקע ליגט אין קויהלען-שאכט...

היינט רוהט די וועלט... דער מענש,—דער קנעכט
געהט שטאלץ אין גאס — ער פאדערט רעכט.
דער וועבער רוהט... נאר אויבען-אן
שוועבט איצט זיין רויט-געוועבטע פאהן.

די ארבייט שטעהט... דאך שאפט זיך מעהר,
ווי יאהרען-לאנג אין ארבייט שווער...
קיין האמער קלינגט אין גוס-פאבריק:
עס שמידעט זיך דאך — עס שמידעט זיך גליק.

ז. סעגאלאוויטש.

געגען שונא.

קומט אהער, איהר ארבייטס-מאסען,
אהער צו אונזער רויטער פאהן!
קומט אהער, איהר פעלקער, ראסען,
פעראייניגט אייך צו איין נאציאן!
און די געטצען, און די געטער,
און די הייליג'אלטע בלעטער

וואַרפֿט אַוועק! וואַרפֿט אַוועק!
מיר זענען קינדער פֿון איין מאַמען,
טאַ לאָמיר אַלע נאָר צוזאַמען
געגען שונא שטרייטען.

נאָר איהר מוזט דאָך אַלע וויסען,
ווער דער שונא קען נאָר זיין,
וואָס ער טהוט נאָר בלוט פֿערגיסען
און טרינקט פֿון דעם בעסטען וויין:
דאָס זענען רייכע פֿאַבריקאַנטען,
דאָס זענען סוחרים ספּעקוליאַנטען,
און נאָך ווער! און נאָך ווער!
. . . .

און די, וואָס פֿיהרען די קאָמאַנדע,
דאָס איז אונזער שונא!

קוקט אייך אום און זעהט איהר ברידער,
אונזער לאַגע גוט בעטראַכט:
ווי מיר ברעכען אונזרע גליעדער
ביי דער אַרבייט טאָג און נאַכט.
דאָך געהען יונגע — נאַקעט, באָרפֿוס,
דאָך געהען אַלטע מיט די טאָרבעס,
אַזוי פֿיעל, אַזוי פֿיעל!
ניין, מען טאָר ניט שטעהן פֿון וויטען,
מיר מוזען אַלע מוטהיג שטרייטען,
געגען ווילדען שונא!

דאַרום הויבט די פֿאָהן נאָך העכער,
ווער מיט אונז נאָר דענקט און פֿיהלט!
וויל עס איז שוין אונזער בעכער
פֿול, מיט צרות איבערפֿילט.
נו הויבט אייך, ברידער, אָן צו גרייטען,
מיר וועלען אַלע מוטהיג שטרייטען,
אָדער טויט! אָדער ברויט!
מיר וועלען יאָגען און פֿערטרייבען,
אַז עס וועט קיין זכר בלייבען
פֿון דעם גאַנצען שונא!

עלקא.

און די אַקערסט און די זייסט.

(אויס געאָרג העררוועג).

און די אַקערסט, און די זייסט,
און די פיטערסט, און די נעהסט,
און די האַמערסט, און די שפּינסט —
זאָג, מיין פאָלק, וואָס די פערדינסט?

וועבסט דיין וועבשטוהל טאָג און נאַכט,
גראָבסט אונז אייזען פון דער שאַכט,
ברענגסט די שפע אונז אריין,
פול מיט תבואה און מיט וויין.

נאָר — וואו איז דיין טיש געגרייט?
נאָר — וואו איז דיין יום־טוב־קלייד?
נאָר — וואו איז דיין שאַרפעס שווערד?
וועלכעס גליק איז דיר בעשערט?

שאַפסט אונז אוצרות אָהן א שיעור,
אַלעסדינג, נאָר ניט פאַר דיר,
און פאַר זיך האָסטו אין נויט
נאָר געשמידט א שווערע קייט...

מאַן דער אַרבייט, אויפגעוואַכט,
און דערקען דיין גרויסע מאַכט:
ווען דיין שטאַרקע האַנד נאָר וויל,
שטעהען אַלע רעדער שטיל:...

די וועבער.

די פינסטערע אויגען, זיי טרערען שוין ניט;
זיי זיצען ביים וועבשטוהל און זינגען א ליעד:
„דייטשלאַנד, מיר וועבען תכריכים פאַר דיר,
א דרייפאַכע קללה אין זיי וועבען מיר —
מיר וועבען, מיר וועבען!

„א קלאָג צו דעם אָבגאָט, צו וועמען מיר בעטען
אין שרעקליכע קעלטען, אין הונגער און נויטען!
מיר האָבען אומזיסט נאָר געהאָפט און געוואַרט,
ער האָט אונז געפיהרט פאַר'ן נאָז און גענאַרט —
מיר וועבען, מיר וועבען!

. . . . . .

וואָס איהם וויל דעם אַרבייטער'ס צער גאָר ניט ריהרען,
וואָס רייסט פון אונז קריעה, די הויט פון אונז שינדט
און לאָזט אונז דערשיסען, דערשיסען ווי הינט!
מיר וועבען, מיר וועבען!

„א קלאָג צו דעם פאַלשען צבועקישען לאַנד,
אין וועלכען עס בליהען בזיון און שאַנד,
וואָס האָדעוועט ווערים אין פוילקייט און מיסט,
און וואו יעדע בלום ווערט פערוועלקט און פערוויסט —
מיר וועבען, מיר וועבען!

„עס פליהט אום דאָס שיפעל, דער טיש טאַראַראַכט,
מיר וועבען, מיר וועבען דורך טאָג און דורך נאַכט —
אַלט־דייטשלאַנד! מיר וועבען תכריכים פאַר דיר,
א דרייפאַכע קללה אין זיי וועבען מיר —
מיר וועבען, מיר וועבען!"

היינע.

אַרבייטער־ברידער!

אָ, אַרבייטער־ברידער, ערהויבט זיך, ערוואַכט
און מאַכט צו די צרות אַנ'ענד!
עס לייכט שוין אין מזרח, עס שווינדעט די נאַכט,
עס עפענט די ברעמען דער מאָרגען אין פראַכט;
אָ, שנעלער, ערהויבט זיך מיט שטורמישער מאַכט,
זאָל זיין צו די ליידען אַנ'ענד!

אָ, זעהט אייערע קינדער פערצאָגט און פערבלאַסט,
די אויגען פערשוואָלען און רויט,

אָ, זעהט אייער ברודער, ער שמאַכטעט און פאַסט,
כאָטש לאַנג זינט ער טראָגט שוין די שרעקליכסטע לאַסט,
דאָך וויים ער קיין פרייד ניט—און לויפט אַלץ מיט האַסט
צום ביזען, צום פינסטערען טויט.
ערהויבט זיך, איהר מאַסען, אַט יעצט איז די צייט
בעפרייען דעם ברודער און זעלבסט זיין בעפרייט,
און מאַכען אַנ'ענד צו די נויט.

עס קלינגען די טהאָלען, עס קלינגען די בערג;
אָ, אַרבייטער־מאַסען, ערוואַכט —
עס שמייכעלט פון הימעל די הערליכע זון.

יואל סלאָנים.

בלומען און שניי.

(געווידמעט מיינע פערשיקטע חברים).

דער אַלטער גאָרטען איז געבליבען
אַזוי ווי פריהער שטיל און פראָסט,
נאָר זיינע בלומען האָט צוריבען,
דער קאַלטער טהוי פון אָסיען־פראָסט.
ער איז געקומען אין פריה־מאָרגען, —
דער פראָסט אין פעדימלאַך פון שניי,
און מיט זיין זיפּץ האָט ער דערוואָרגען
דאָס גראָז און בלומען אַלערליי...
אָ, וויפיעל בלומען ווערט פערפאַלען
אין ערטער קאַלטע, ווי דער טויט,
אָהן פרישע פאַרבען, העלע שטראַהלען,
אין גראָהען אומעטיגען קויט...

* * *

אין בלאַסען טאָג, וואָס איז געקומען,
פערגליווערט און אין פראָסט בעגייט,
נעדענקסטו וועגען יענע בלומען,
וואָס פאַלען אָב... און אָהן אַ צייט?...

ש. ב. פריד.

ענדע.